בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פון חִיזוּק, אֱמוּנָה און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## וַיֵּצֵא

231

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש ברסלב
בלומינג גראוו
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
718-387-2691

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

קול
ברסלב
212-444-9191

חיזוק פאר די
אידישע שטוב
212-444-9169

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס אִיז דִי עֵצָה נִישְׁט מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּן דִי ווִילְדֶע אוֹיטָאס?...............א

וָואס מֵיינְט מַיין שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חָלוֹם?..........................................ב

ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מוֹחֵל זַיין מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מִיר שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן?........ג

ווִי אַזוֹי שְׁטַארְק מֶען זִיךְ וֶוען מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיטְ'ן אָנְהוֹיבְּן אַ בִּיזְנֶעס?.ז

וָואס מֵיינְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט טְרוּנְקֶען וַואסֶער פַאר אַ רַבִּים?...............ח

זָאל אִיךְ קוֹיפְן אַ נֵייעֶ טַלִית, אָדֶער בְּלַייבְּן מִיט דִי אַלְטֶע?....................י

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין הֲלָכָה ..................................א

דַארְפְסְט בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אָבֶער כַאפּ אוֹיךְ אַרוֹיס עֶפֶּעס תַּכְלִית..............ב

אַז דֶער טַאטֶע דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן, וֶועלְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט לַיידְן צָרוֹת .......ג

מֶען דַארְף זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן מִיט אַן עֶרְלִיכֶע רָב ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן ............ד

שִׂמְחָה אִיז מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה .................................................ה

מֶען דַארְף זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן, נִישְׁט סְטְרַאשֶׁען...................................ו

אַ בְּרָכָה לְכָבוֹד דִי זֶעכְצִיגְסְטֶע יוֹם הוּלֶדֶת ....................................ו

וָואס מֵיינְט "שְׁלֶעכְטֶע תְּפִילוֹת" וָואס מֶען טָאר נִישְׁט בֶּעטְן?..............ז

מַאן אוּן וַוייבּ דַארְפְן זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן .............................ט

אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין דִי פְּרַייז פוּן דִירוֹת אִין שְׁטֶעטְל ..... יא

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט עֶנְק גֶעהִיטְן פוּן אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד.יב

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט דִי תְּפִילוֹת דָאס בֶּעסְטֶע פַאְרְ'ן מֶענְטְשׁ .... יג

אֲפִילוּ אִין אַן אַנְדֶערֶע סְקוּל זֶענְט אִיר וַוייטֶער אַ 'בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידָה' ......יד

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער .... טו

לָאז וִויסְן פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס וַוארְטְן פַאר אַ דִירָה אִין שְׁטֶעטְל.......... טז

אַ שֵׁיינֶע תְּהִלִּים לְכָבוֹד דִי בַּת מִצְוָה..............................................יז

בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, זָאג אִיר צוּ אַז דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט גֵיין אוֹיף בְּרֶסְלֶב...........................................................................................יח

בַּיי הֲפָצָה דַארְף מֶען פְלַאקֶערְן אוּן בְּרֶענֶען ................................ כא

הָאבּ לִיבּ דִי קִינְדֶער אֲפִילוּ זֵיי מַאכְן זִיךְ קִינְדִישׁ ........................כב

אַ שָׁאד דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים ...................כד

זֶע צוּ דְרֵייוְון לוֹיט דִי גֶעזֶעץ ...................................................כד

אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַ בַּאזֶעסֶענֶער מֶענְטְשׁ ...............כה

דוּ וֶועסְט הָאבְּן נָאר רֶיוַח פַאְרְ'ן הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן ..........................כה

הֶעלְפְן מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה אִיז אַ זַאךְ וָואס בְּלַייבְּט לְנֵצַח נְצָחִים ..............כו

לָאמִיר זִיךְ בַּאנֵייעֶן, לָאמִיר הָאבְּן אוּנְזֶער פְרִישְׁקֵייט אוּנְזֶער גַאנְץ לֶעבְּן .כו

עֶס בְּלַייבְּט נָאר וָואס מֶען טוּט פַאְרְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער ............................................................................................. כט

זֶע אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף דִי וֶוען, אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס גֶעלְט .................... כט

בַּאדִינֶען דֶעם צַדִּיק אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט..............ל

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ בּוֹיעֶן אַ מִקְוֶה טָהֳרָה ..............................ל

מִיר גֵייעֶן יֶעדְן טָאג עֶפֶּעס טוּן פַאְרְ'ן רֶבִּי'ן .................................. לא

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וָואס אִיז דִי עֵצָה נִישְׁט מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּן דִי ווִילְדֶע אוֹיטָאס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֵייס ... אִיךְ וואוֹין אִין בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי אוּן אִיךְ לֶערְן אִין בֵּית פֵּיגָא סְקוּל, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ דִי סְקוּל, יְיַשֶׁר כֹּחַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר אַזַא גוּטֶע סְקוּל.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא פוּן עֶ טִי ווִי'ס וָואס פָארְן דוּרְךְ נֶעבְּן מַיין הוֹיז, עֶס מַאכְט אַ הוֹיכֶע גֶערוּדֶער אוּן עֶס דֶערְשְׁרֶעקְט מִיר זֵייעֶר, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אַן עֵצָה פַאר מִיר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**צוּ דִי חָשׁוּבְ׳עֶ תַּלְמִידָה ... תְּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**גֶעוואוּנְטְשׁ זִיךְ צוּ פַאר אִיר גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ צוּ לֵייגְן דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן זָאגְט דִי וֶוערְטֶער: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וַואטְשׁ מִיךְ, הִיט מִיךְ פוּן שְׁלֶעכְטְס; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל צוּרִיק אַהֵיים קוּמֶען**

גֶעזוּנְטֶערְהֵייט", און וֶוען איר קוּמְט אַהֵיים זָאלְט איר לֵייגְן די הַאנְט אוֹיף די מְזוּזָה און זָאגְן: "יְיַשֶּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ הָאסְט מִיר אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט גֶעזוּנְטֶערְהֵייט", און גֶעבְּט אַ קוּשׁ; וֶועט איר וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן פְּחָדִים.

אוֹיךְ זָאלְט איר לֵייגְן יֶעדְן טָאג אִין אַייעֶר פּוּשְׁקֶע אַפָּאר פֶּענִי"ס. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת פַּחַד, סִימָן ה): "בִּצְדָקָה תְּבַטֵּל אֶת הַפַּחַד", דוּרְךְ צְדָקָה גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים.

נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט די שְׁטֶעטְל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִידִישׁ, עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין די אַלֶע זַאכְן.

...

## וָואס מֵיינְט מַיין שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חָלוֹם?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה די לֶעצְטֶע צְוֵויי וָואכְן אַז חֲלוֹמוֹת מֵיינֶען גָארְנִישְׁט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ די נַאכְט גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז אֵיינֶער פוּן מַיינֶע בְּרִידֶער זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן פוּן "אָוֶוערְדָאוֹז". אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן און וִויל וִויסְן אוֹיב דָאס אִיז אוֹיךְ אַ חָלוֹם וָואס מֵיינְט גָארְנִישְׁט.

אִיךְ וָואלְט מִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אוֹיב דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואלְט מִיר גֶעקֶענְט עֶנְטְפֶערְן.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ גֵיי זַיין גוּט"; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת גַּאֲוָה, סִימָן יט): "מַבְהִילִין אֶת הָאָדָם בַּחֲלוֹמוֹת, כְּדֵי לְהָסִיר מִמֶּנּוּ גַּאֲוָה שְׁקוּעָה, שֶׁהוּא מְכֻסֶּה מִמֶּנּוּ, שֶׁאֵינוֹ מַכִּיר בָּהּ", מֶען דֶערְשְׁרֶעקְט אַ מֶענְטְשׁ אִין חָלוֹם אַרָאפּ צוּ קְלַאפְּן זַיין גַּאֲוָה, אִים צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נָאךְ אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חָלוֹם נֶעמְט מֶען אַ תְּהִלִּים, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַיי נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן; זָאג דִי וֶוערְטֶער: "הַחֲלוֹמוֹת שָׁוְא יְדַבֵּרוּ"; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חָלוֹם, סִימָן א): "לַחֲלוֹם רָע תֹּאמַר בַּבֹּקֶר: 'הַחֲלוֹמוֹת שָׁוְא יְדַבֵּרוּ'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ מוֹחֵל זַיין מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מִיר שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר ווי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁוֶוער הַארְץ אוֹיף קֵיינֶעם, אֲפִילוּ אוֹיף דִי וָואס הָאבְּן שְׁטַארְק שָׁאדְן גֶעמַאכְט אָדֶער פַארְשֶׁעמְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה. אִיךְ בִּין גֶעוֶוענְלִיךְ מוֹחֵל גְלַייךְ וֶוען אֵיינֶער אִיז מִיךְ מְצַעֵר, אָבֶּער עֶס זֶענֶען דָא עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אוּן דֶערְנִידֶערְט, מַמָּשׁ חָרוּב גֶעמַאכְט מַיין לֶעבְּן, אַלֶעס נָאר פַאר זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסְן, נִישְׁט וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעטוּן סַיי וֶועלְכֶע שְׁלֶעכְטְס, אוּן אִיךְ קֶען זֵיי בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט מוֹחֵל זַיין.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ וֶועל נָאךְ זֶען אַז זֵיי וֶועלְן בַּאצָאלְן נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיף דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעטוּן, אוּן זֵיי הָאבְּן מִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן. בִּין אִיךְ מְחוּיָב זֵיי מוֹחֵל צוּ זַיין? אוּן אוֹיבּ יָא, ווי אַזוֹי קֶען

איךְ דָאס בַּאוַוייזְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ח מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הֶער אַ מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר (פַּרְשַׁת מִקֵּץ, רא:): ״רִבִּי אַבָּא הֲוָה יָתִיב אַתַּרְעָא דְאַבָּבָא דְלוֹד״, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי אַבָּא אִיז אַמָאל גֶעזִיצְן בַּיים אַרַיינְגַאנְג צוּם שְׁטָאט לוּד, ״חָמָא חַד בַּר נָשׁ דְּהֲוָה אָתֵי, וְיָתִיב בְּחַד קוּלְטָא דְּתָלָא דְאַרְעָא״, עֶר הָאט גֶעזֶען אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעזִיצְן אוֹיף אַ שְׁטֵיין, ״וְהֲוָה לָאֵי מֵאָרְחָא, וְיָתִיב וְנָאִים תַּמָּן״, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן גֵיין אִין וֶועג אוּן עֶר הָאט זִיךְ דָארְט אָפְּגֶערוּט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן, ״אַדְּהָכִי חָמֵי חַד חִוְיָא, דַּהֲוָה אָתֵי לְגַבֵּיהּ״, בִּשְׁעַת דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעשְׁלָאפְן זֶעט רֶבִּי אַבָּא ווִי אַ שְׁלַאנְג קוּמְט צוּ גֵיין צוּם דֶעם מֶענְטְשׁ, ״נָפַק קוּסְטְפָּא דְגוּרְדְּנָא, וְקָטִיל לֵיהּ לְחִוְיָא״, אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַ צְוַוייג פוּן בּוֹים אוּן גֶע׳הַרְגְ׳עֶט דֶעם שְׁלַאנְג, ״כַּד אִתְּעַר הַהוּא בַּר נָשׁ, חָמָא הַהוּא חִוְיָא לְקָבְלֵיהּ, דַּהֲוָה מִית״, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט הָאט עֶר גֶעזֶען נֶעבְּן זִיךְ דֶעם טוֹיטְן שְׁלַאנְג, ״אִזְדַּקַּף הַהוּא בַּר נָשׁ, וְנָפַל הַהוּא קוּלְטָא לְעוּמְקָא דִתְחוֹתוֹי וְאִשְׁתְּזִיב״, אוּן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן דִי שְׁטֵיין אוֹיף וָואס עֶר אִיז גֶעזִיצְן הָאט זִיךְ דֶער שְׁטֵיין אַרָאפְּגֶעקוֹילֶערְט אַרָאפּ אַ טִיפְע טָאל, וָואס אוֹיבּ ווָאלְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן נָאךְ אֵיין רֶגַע ווָאלט עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִינְאֵיינֶעם מִיטְ׳ן שְׁטֵיין אוּן עֶר וָואלְט גֶעשְׁטָארְבְּן, ״אֲתָא רִבִּי אַבָּא לְגַבֵּיהּ, אָמַר לֵיהּ, אֵימָא לִי מָאן עוֹבָדָךְ, דְּהָא קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא רָחִישׁ לָךְ אִלֵּין תְּרֵין נִסִּין״, הָאט זִיךְ רֶבִּי אַבָּא פַאַרְווָאוּנְדֶערְט, עֶר גֵייט צוּם מֶענְטְשׁ אוּן פְרֶעגְט אִים, זָאג מִיר וָואס

זֶענֶען דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט? אִיךְ זֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהִיטְן, עֶס הָאט פַּאסִירְט צְוֵויי גְרוֹיסֶע נִיסִים מִיט דִיר, "לָאו אִינוּן לְמַגָּנָא", עֶס אִיז זִיכֶער נִישְׁט אוּמְזִיסְט, "אָמַר לֵיהּ הַהוּא בַּר נָשׁ, כָּל יוֹמָאֵי לָא אַשְׁלִים לִי בַּר נָשׁ בִּישָׁא בְּעַלְמָא", זָאגְט אִים דֶער אִיד, מַיין גַאנְץ לֶעבְּן אוֹיב אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס, "דְּלָא אִתְפַּיַּיסְנָא בַּהֲדֵיהּ, וּמָחִילְנָא לֵיהּ", הָאבּ אִיךְ זִיךְ גְלַייךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן מִיט יֶענֶעם אוּן יֶענֶעם מוֹחֵל גֶעוֶוען, "וְתוּ, אִי לָא יָכִילְנָא לְאִתְפַּיְיסָא בַּהֲדֵיהּ, לָא סָלִיקְנָא לְעַרְסִי, עַד דְּמָחִילְנָא לֵיהּ, וּלְכָל אִינוּן דִּמְצַעֲרוּ לִי", אוּן אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן מִיט יֶענֶעם בִּין אִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין בֶּעט זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן בִּיז אִיךְ הָאבּ יֶענֶעם מוֹחֵל גֶעוֶוען אוּן פַאר אַלֶע וָואס הָאבְּן מִיר וֵויי גֶעטוּן, "וְלָא חַיְישָׁנָא כָּל יוֹמָא לְהַהוּא בִּישָׁא דְּאַשְׁלִים לִי", אוּן אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן וָואס זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעטוּן, "וְלָאו דֵּי לִי דָא", נִישְׁט נָאר דָאס, "אֶלָּא דִּמְהַהוּא יוֹמָא וּלְהָלְאָה, אִשְׁתַּדַּלְנָא לְמֶעְבַּד עִמְּהוֹן טָבָא", נָאר אוֹיךְ פוּן דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ טוּן מִיט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מִיר וֵויי גֶעטוּן - נָאר גוּטְס. פִּירְט אוֹיס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: "בָּכָה רֶבִּי אַבָּא וְאָמַר", רֶבִּי אַבָּא הָאט גֶעוֵויינְט פַאר שִׂמְחָה אוּן גֶעזָאגְט "יָאוֹת הוּא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא יַרְחִישׁ לֵיהּ נִיסָּא עַל נִיסָּא", יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט דִיר אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע נִיסִים, דוּ בִּיסְט וֶוערְד עֶס זָאל מִיט דִיר פַּאסִירְן נָאךְ אוּן נָאךְ נִיסִים.

נֶעם אַרַיין אִין דִיר 'אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט גוּטְס טוּן; אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער - אִיז וָואס אִיךְ דַארְף אַרִיבֶּער גֵיין, דֶער וָואס טוּט שְׁלֶעכְטְס - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ מִיט אִים פַארְרֶעכֶענֶען, אוּן דֶער וָואס טוּט גוּטְס וֶועט בַּאקוּמֶען גוּטְס' - וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן אוֹיף קֵיינֶעם קַיין שְׁוֶוער הַארְץ.

חַזֵר דִי שְׁטִיקְל צַוָואָה (צַוָואַת מוֹהֲרַא"שׁ, אוֹת ח) וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט, וֶועט דִיר אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער; חַזֵר דָאס יֶעדְן טָאג:

"מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי פָּשׁוּטֶ'ע אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁטֶענְדִיג זָאלְט אִיר הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אוּן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט אֵייעֶרְס, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פַאר אַ וֶועלְט וָואס גֶעהֶערְט נִישְׁט צוּ אַייךְ. אִיר דַארְפְט אַייךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. **וָואס אִיר דַארְפְט הָאבְּן זָאלְט אִיר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן אוּן צוּ בֶּעטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אָדֶער אוֹיף סַיי וֶועלְכֶע שְׁפְּרַאךְ אִיר זֶענְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן.**

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בּוֹיעֶט אוֹיף דִי אֱמוּנָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט קְלָאר אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אֱמוּנָה אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אִידִישְׁקַייט, אֱמוּנָה קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר אִין זַיין מֹחַ אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר שְׁטֵייט אִינְדֶערְמִיט, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲנָאָה אוּן גֶעשְׁמַאק וָואס מֶען קֶען הָאבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין אוֹיף דִי וֶועלְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גוּטֶע גֶעשְׁמַאק אוּן הֲנָאָה פוּן גַן עֵדֶן. אוּן צוּ דֶעם קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּ זַיין חָבֵר אוּן אַזוֹי וִוי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי שְׁטַארְק מֶען זִיךְ וֶוען מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיטְ'ן אָנְהוֹיבְּן אַ בִּיזְנֶעס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ.

מַיין מַאן זָאל זַיין גֶעזוּנְט אִיז זֵייעֶר פַּארְנוּמֶען מִיט אַ נַייעֶ בִּיזְנֶעס וָואס עֶר הָאט לֶעצְטְנְס גֶעעֶפְנְט, עֶר פִילְט ווִי דָאס רוֹיבְּט אִים אַוֶועק זַיין רוּחָנִיּוּת אוּן גַשְׁמִיּוּת, דִי צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער נֶעמְט דָאס צוּ מַמָשׁ אַלֶעס אִין לֶעבְּן. עֶר הָאט אַזוֹי חֲרָטָה פַארְ'ן אַרַיינְשְׁפְּרִינְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע זַאךְ, עֶר וָואלְט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט צוּרִיקְצִיעֶן, אָבֶּער יֶעצְט אִיז עֶר שׁוֹין שְׁטֶעקְן גֶעבְּלִיבְּן מִיט אַ גֶעשֶׁעפְט וָואס הָאט קוֹים אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ רִירְן אוּן מִיט אַסַאךְ גְרוֹיסֶע חוֹבוֹת.

דִי בִּיזְנֶעס הָאט אַ גְרוֹיסֶע מֶעגְלִיכְקֵייט שְׁטַארְק צוּ מַצְלִיחַ זַיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף, אָבֶּער דֶערְוַוייל גֵייט עֶס זֵייעֶר שְׁוֶוער. מִיט וָואס קֶענֶען מִיר זִיךְ מְחַזֵק זַיין?

בִּיטֶע עֶנְטְפֶערְט אוּנְז ווִי שְׁנֶעלֶער וַוייל מִיר דַארְפְן קְרִיטִישׁ אַבִּיסְל חִיזוּק.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייט מְחַזֵק אַייעֶר מַאן עֶר זָאל אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי נַייעֶ בִּיזְנֶעס. אַז מֶען עֶפְנְט אַ בִּיזְנֶעס מוּז עֶס זַיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר

אַזוֹי אִיז מֶען מַצְלִיחַ.

אִינְדֶערְפְרִי אֵיידֶער מֶען גֵייט אַרַיין אִין דִי בִּיזְנֶעס דַארְף מֶען גֵיין אִין שׁוּל דַאוְוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין, אַזוֹי אוֹיךְ זָאל עֶר הָאבְּן אַ צְדָקָה פּוּשְׁקֶע בַּיי דִי אַרְבֶּעט אוּן אַרַיינְלֵייגְן שְׁטֶענְדִיג פְּרוּטוֹת אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין הַצְלָחָה, אַזוֹי אוֹיךְ בִּשְׁעַת מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דִי בִּיזְנֶעס - זָאל מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן אַלֶעס זָאל מַצְלִיחַ זַיין; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין.

זַייט מְחַזֵק אֵייעֶר מַאן; מוּטִיגְט אִים, שְׁטַארְקְט אִים, מַאכְט אִים פְרֵיילִיךְ - וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דִי הֵיילִיגֶע שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה, חֲתָ"ךְ - אִיז דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּן (תְּהִלִּים קמה, טז): "פּוֹתֵחַ' אֶת' יָדֶךָ'"; אוֹיךְ אִיז דָאס דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּן (דְבָרִים טז, טו): "וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ'"; שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט גְרוֹיס עֲשִׁירוּת.

פַארְלִירְט אַייךְ נִישְׁט, וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין.

...

## וָואס מֵיינְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט טְרוּנְקֶען וַואסֶער פַאר אַ רַבִּים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת (אֲכִילָה, אוֹת ט') "אֵין שׁוֹתִין מַיִם בִּפְנֵי רַבִּים", מֶען זָאל נִישְׁט טְרוּנְקֶען וַואסֶער פַאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן. הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס דָאס מֵיינְט, אִיז דָאס אִיבֶּערָאל וואו עֶס גֶעפִוּנֶען זִיךְ מֶענְטְשְׁן, אָדֶער נָאר וֶוען מֶען גֶעבְּט אַ דְרָשָׁה פַאר מֶענְטְשְׁן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער מְקוֹר אִיז פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים וָואס זָאגְן (בְּכוֹרוֹת מד:): ״אֵין שׁוֹתִין מַיִם בִּפְנֵי רַבִּים״, מֶען זָאל נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין וַואסֶער פַאר מֶענְטְשְׁן, רַשִׁ״י זָאגְט (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וְאֵין שׁוֹתִין): ״דְּדֶרֶךְ תַּלְמִיד חָכָם לִהְיוֹת צָנוּעַ בַּאֲכִילָה וּבִשְׁתִיָּה״, דִי וֶועג פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן אִיז צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אֵיידְל.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, דָאס מֵיינְט מֶען דָאס וָואס מֶען קֶען זֶען אַ מֶענְטְשׁ קוֹיפְט זִיךְ אַ בָּאטְל טְרִינְקֶען אוּן שְׁטֵייט פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן טְרִינְקְט פוּן בָּאטְל וִוי אַ זוֹלֵל וְסוֹבֵא, דָאס אִיז נִישְׁט אֵיידְל; דֶערִיבֶּער, אַז מֶען קוֹיפְט זִיךְ אַ טְרִינְק - זָאל מֶען זִיךְ אַוֶועק דְרֵייעֶן דָאס פָּנִים פוּן דִי מֶענְטְשְׁן אוּן אַזוֹי טְרִינְקֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ אוּמְאֵיידְל, מֶען טְרִינְקְט פוּן בָּאטְל אוּן פוּן אַ קֶען יֶענֶעם אִין פָּנִים אַריין, דָאס אִיז נִישְׁט אֵיידְל.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תקטו): ״לֶאֱכֹל בִּמְתִינוּת בְּיִשּׁוּב הַדַּעַת וּבְדֶרֶךְ אֶרֶץ כְּדֶרֶךְ שֶׁאוֹכְלִין בְּדֶרֶךְ אֶרֶץ כְּשֶׁיּוֹשֵׁב אָדָם חָשׁוּב עַל הַשֻּׁלְחָן, כָּךְ יֹאכַל תָּמִיד אֲפִלּוּ כְּשֶׁאוֹכֵל לְבַדּוֹ״, וֶוען מֶען עֶסְט, אֲפִילוּ מֶען אִיז אַלֵיינְס - זָאל מֶען טְרַאכְטְן אַזוֹי וִוי מֶען זִיצְט מִיט אַ חָשׁוּבְ׳עֶר מֶענְטְשׁ בַּיים טִישׁ, אַזוֹי וֶועט מֶען אַלְץ עֶסְן אֵיידְל; אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים טְרִינְקֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ קוֹיפְן אַ נֵייעֶ טַלִית, אָדֶער בְּלַייבְּן מִיט דִי אַלְטֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פְּלֶעג קוֹיפְן אַ נֵייעֶ טַלִית יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט אַז עֶס זָאל אַלְץ זַיין שֵׁיין אוּן רֵיין, לֶעצְטְנְס הָאט מִיר אָבֶער אֵיינֶער גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל עֶס נִישְׁט טוּן וַוייל 'ווִי אַזוֹי וֶועסְטוּ אוֹיסְזֶען, מֶען וֶועט דִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין קֶבֶר מִיט אַ נֵייעֶ טַלִית? פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט מִיטְנֶעמֶען דִי טַלִית וָואס דוּ הָאסְט אִין דֶעם גֶעדַאוֶוענְט אַלֶע יָארְן?' מֶען זֶעט אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִיקִים וָואס הָאבְּן גֶעהֵייסְן אַרַיינְלֵייגְן זַאכְן אִין זֵייעֶר קֶבֶר; אִיז דָאס גֶערֶעכְט אָדֶער נִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

טְרַאכְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי דוּ וֶועסְט אוֹיסְקוּקְן וֶוען מֶען וֶועט דִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין קֶבֶר מִיט אַ נֵייעֶ טַלִית, מִיט אַן אַלְטֶע טַלִית; טְרַאכְט ׳ווִי אַזוֹי וֶועל ׳אִיךְ׳ אוֹיסְקוּקְן וֶוען מֶען וֶועט מִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין קֶבֶר, וָואס וֶועל אִיךְ מִיט נֶעמֶען מִיט מִיר?׳

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כג) ״בָּעוֹלָם הַבָּא מְנָּחִין כַּמָּה בְּנֵי אָדָם בַּחוּץ וְהֵם צוֹעֲקִים בְּקוֹל מַר״, אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת וָואס שְׁרֵייעֶן מִיט אַ בִּיטֶערֶע קוֹל: ״תְּנוּ לָנוּ מַה לֶּאֱכֹל״, גֶעבְּט אוּנְז עֶסְן מִיר זֶענֶען הוּנְגֶערִיג, גֶעבְּט אוּנְז טְרִינְקֶען מִיר זֶענֶען דוּרְשְׁטֶערִיג, ״וּבָאִין אֶצְלָם וְאוֹמְרִים לָהֶם: ׳הֲרֵי לָכֶם אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה, אִכְלוּ וּשְׁתוּ׳״, מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי עֶסְן, מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר פֵּיינֶע עֶסְן, מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי טְרִינְקֶען אוּן מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר פֵּיינֶע טְרִינְקֶען, ״וְהֵם מְשִׁיבִים: ׳לֹא לֹא, אֵין אָנוּ צְרִיכִים אֲכִילָה זֹאת, רַק אָנוּ צְרִיכִים אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה שֶׁל תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה׳״, דִי נְשָׁמוֹת שְׁרֵייעֶן נֵיין, נֵיין, נִישְׁט דָאס מֵיינֶען מִיר,

נִישְׁט דִי עֶסְן, מִיר דַארְפְן עֶסְן פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען, "וְכֵן מֻנָּחִים כַּמָּה בְּנֵי אָדָם עֲרֻמִּים בַּחוּץ וְהֵם צוֹעֲקִים גַּם כֵּן מְאֹד", נָאכְדֶעם זֶעֶנֶען דָא נְשָׁמוֹת וָואס שְׁרֵייעֶן: "תְּנוּ לָנוּ בַּמֶּה לְהִתְכַּסּוֹת", בְּרֶענְגְט אוּנְז קְלֵיידֶער, מִיר דַארְפְן זִיךְ צוּדֶעקְן, "וּבָאִין אֶצְלָם וְאוֹמְרִים: 'הֲרֵי לָכֶם מַלְבּוּשִׁים'", מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי קְלֵיידֶער, מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר קְלֵיידֶער, "וְהֵם מְשִׁיבִים: 'לֹא, אֵין אֵלּוּ מַלְבּוּשִׁים נִצְרָכִים לָנוּ כְּלָל'", זָאגְן זֵיי נֵיין, נֵיין, נִישְׁט דִי סָארְט קְלֵיידֶער דַארְפְן מִיר, "רַק אָנוּ צְרִיכִים מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים לְהִתְלַבֵּשׁ בָּהֶם", מִיר דַארְפְן קְלֵיידֶער פוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

אוּן דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס: "אַשְׁרֵי מִי שֶׁזּוֹכֶה לֶאֱכֹל כַּמָּה פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וְלִשְׁתּוֹת אַחַר כָּךְ אֵיזֶה קַפִּיטְלִיךְ תְּהִלִּים, וּלְהִתְלַבֵּשׁ בְּאֵיזֶה מִצְוֹת", וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, טְרִינְקְט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן ווִי אַזוֹי דוּ וֶועסְט אוֹיסְקוּקְן מִיט אַ נֵייעֶ טַלִית, מִיט אַן אַלְטֶע טַלִית, טְרַאכְט: 'וָואס וֶועל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן פַארְ'ן שׁוֹמֵר הַפֶּתַח וֶוען עֶר וֶועט אוֹיסְרוּפְן הוֹיךְ פַאר אַלֶע נְשָׁמוֹת: הֵייבּ אָן זָאגְן אַלֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ אוּן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט'? עֶס וֶועט דָאךְ זַיין אַזַא בּוּשָׁה וֶוען מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל... חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, א): "מִכָּאן אָמְרוּ, שֶׁיִּקְרָא אָדָם שֶׁיְּהֵא תָּפוּס בְּיָדוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֶען צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנַיוֹת, "כְּדֵי שֶׁלֹּא תַּשִּׂיגֶנּוּ בּוּשָׁה וּכְלִמָּה", עֶר זָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן, "בְּשָׁעָה שֶׁאוֹמְרִים לוֹ עֲמֹד וַעֲרוֹךְ מִקְרָא שֶׁקָּרִיתָ וַעֲרוֹךְ מִשְׁנָה שֶׁשָּׁנִיתָ", וֶוען מֶען וֶועט אִים אוֹיסְרוּפְן עֶר זָאל קוּמֶען זָאגְן וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

דוּ קֶענְסְט קוֹיפְן אַ נֵייעֶ טַלִית, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קלג:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת טו, ב): "זֶה אֵלִי וְאַנְוֵהוּ", 'עֲשֵׂה לְפָנָיו צִיצִית נָאָה', עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ הָאבְן אַ שֵׁיינֶעם טַלִית; אוֹיךְ דַארְף מֶען אַכְטוּנְג

גֶעבְּן אַז דִי צִיצִית און דִי טַלִית זָאלְן זַיין רֵיין און שֵׁיין, אַז מֶען גֵייט מִיט אַ רֵיינֶע צִיצִית, מִיט אַ רֵיינֶע טַלִית - וַוייזְט מֶען אַז דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען חָשׁוּב און טֵייעֶר בַּיים מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין הֲלָכָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, אַ זוּן פוּן דֶעם גְרוֹיסְן מֵפִיץ ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין בַּר מִצְוָה! אִיךְ שִׁיק דִיר דֶעם סֶעט שֻׁלְחָן עָרוּךְ פַאר אַ מַתָּנָה מִיט אַ שְׁלִיחַ פוּן חוּץ לָאָרֶץ לְכָבוֹד דַיין בַּר מִצְוָה.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין הֲלָכָה כִּרְצוֹן רַבֵּינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כט), וְכָכָה תִּתְנַהֵג כָּל יָמֶיךָ, וְגַם לְהִתְבּוֹדֵד בְּכָל יוֹם; שְׁתֵּי הַנְהָגוֹת אֵלּוּ צִוָּה רַבֵּינוּ לְכָל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ לַעֲשׂוֹת בְּכָל יוֹם וְיוֹם, וְרַק מִי שֶׁמְּקַיֵּם אֶת רַבֵּינוּ נִקְרָא בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## דארְפְסְט בְּרֶענגֶען פַּרְנָסָה, אָבֶער כאפּ אוֹיךְ אַרוֹיס עֶפֶּעס תַּכְלִית

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט״ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

שְׁטַארְק זִיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא. גְּמָרָא אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי פִּיר מַלְאָכִים גַּ׳בְרִיאֵל, מִ׳יכָאֵל, רְ׳פָאֵל אוּן א׳וֹרִיאֵל; וֶוען מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא צִיט מֶען צוּ זִיךְ דִי פִּיר מַלְאָכִים, מֶען הָאט אַ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה (סֵפֶר הַחַיִּים לַאֲחִי מַהֲרַ״ל, סֵפֶר זְכֻיּוֹת, פֶּרֶק ב). אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, דָאס וֶועט דִיר אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אִיךְ גֶעדֶענְק דַיינֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה וִוי דוּ בִּיסְט גֶעזִיצְן מִיט דִי גְּמָרָא אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט הַתְמָדָה, יֶעצְט וֶוען דוּ דַארְפְסְט בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה זָאלְסְטוּ אוֹיךְ אַרוֹיסְכַאפְּן עֶפֶּעס תַּכְלִית, תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

וָואס דוּ דַארְפְסְט - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד צוּ אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, בֶּעט אִים וָואס דוּ דַארְפְסְט - וֶועסְטוּ וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים. תְּפִלָּה אִיז דְבֵיקוּת בְּהַשֵּׁם, תְּפִלָּה בַּאהֶעפְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן פד).

...

## אַז דֶער טַאטֶע דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן, וֶועלְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט לַיידְן צָרוֹת

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִּׁי פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט״ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה אַז דוּ הָאסְט זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען צוּ דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, דוּ בִּיסְט זֵייעֶר מַקְפִּיד צוּ גֵיין אִין שׁוּל אַלֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת.

וֶוען אַ אִיד גֵייט אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב - הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אוֹיךְ אִיז דָאס אַ סְגוּלָה פַּאר קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער לַיידְן נִישְׁט קַיין צָרוֹת בִּזְכוּת וָואס דֶער טַאטֶע דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן נב): ״יַקְדִּים וְיַחְשִׁיךְ לְבֵית הַכְּנֶסֶת, עַל יְדֵי זֶה יַאֲרִיךְ יְמֵי בָנָיו״, אַז מֶען גֵייט אִין שׁוּל צוּפְרִי אוּן בַּיינַאכְט - לֶעבְּן דִי קִינְדֶער; אוּן פַּארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם, אוֹיבּ מֶען גֵייט נִישְׁט אִין שׁוּל, זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן לו): ״גּוֹרֵם גָּלוּת לְבָנָיו״, וֶוערְן דִי קִינְדֶער פַּארְטְרִיבְּן.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן אַ טוֹבָה, זָאג מִיר נִישְׁט אָפּ; זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ זִי זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, זִי דַארְף אַבִּיסְל חִיזּוּק, זִי אִיז זֵייעֶר ווּאוֹיל אָבֶּער זִי וֶוערְט נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט. דוּ דַארְפְסְט אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער וֶוען זִי טוּט זִיךְ אָן אֵיידְל, זִי אִיז גֶעוֶוען אַלְץ מֵיידְל זֵייעֶר אֵיידְל, יֶעצְט וֶוערְט זִי צֶעפַּאלְן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה וְכוּ׳.

דוּ ווִילְסְט דָאךְ גוּטֶע קִינְדֶער; נֶעם דִי עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): ״צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים״, אַ פְרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ אֵיידְל אוּן צְנִיעוּת׳דִיג וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

...

## מֶען דַארְף זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן מִיט אַן עֶרְלִיכֶע רָב ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ג, א-ג): "לַכֹּל זְמָן וְעֵת לְכָל חֵפֶץ תַּחַת הַשָּׁמָיִם, עֵת לָלֶדֶת וגו'", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, יֶעדֶע זַאךְ הָאט זַיין צַייט; עֶס אִיז דָא אַ צַייט פוּן הָאבְּן קִינְדֶער, "וְעֵת לִרְפּוֹא", אוּן עֶס אִיז דָא צַייטְן וָואס מֶען הֵיילְט זִיךְ אוֹיס.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ פְרֶעגְן דַעַת תּוֹרָה; זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן, שְׁמוּעֶסְן - מִיט אַן עֶרְלִיכֶער רָב וִויפִיל כֹּחַ אוּן מֹחַ דִי וַוייבּ הָאט, אוּן אַז דֶער רָב זָאגְט יֶעצְט אִיז דִי צַייט פוּן "וְעֵת לִרְפּוֹא" - טוּט מֶען דָאס מִיט שִׂמְחָה, וַוייל דָאס אִיז רְצוֹן הַשֵּׁם.

וֶוען דוּ זֶעסְט אִין דִי בְּרִיוו שַׁארְף גֶעשְׁרִיבְּן מֶען זָאל נִישְׁט אַלֵיינְס אָפְּמַאכְן וְכוּ', מֶען זָאל פְּרֶעגְן אַן עֶרְלִיכֶער רָב, זָאלְסְטוּ נִישְׁט פוּן דֶעם אוֹיסְטַייטְשְׁן שְׁלֶעכְט, וַוייל אוֹיבּ דֶער רָב פַּסְקְ'נְט "וְעֵת לִרְפּוֹא" - אִיז דָאס רְצוֹן הַשֵּׁם, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז וֶוען מֶען גֵייט נִישְׁט פְּרֶעגְן, מֶען מַאכְט זִיךְ אַלֵיינְס אַ "מִשְׁפָּחָה פְּלַאן" וד"ל.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין דַיין אַרְבֶּעט, עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִיט אוֹיפְשְׁטֶעלְן תַּלְמִידִים אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה.

...

## שִׂמְחָה אִיז מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ דִיר, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס אִיז גוּט בַּיי דִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי פְרֵיילִיךְ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ קוּמְט עֶר אָן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (חִדוּשֵׁי הָרְמַ"ל, פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא), דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "שַׁעֲרֵי דְמָעוֹת לֹא נִנְעֲלוּ", אַלֶע טִירְן וֶוערְן פַארְשְׁפַּארְט אוֹיסֶער דִי טִירְן פוּן טְרֶערְן; זָאגְט דֶער צַדִיק, אֲפִילוּ דִי טִירְן פוּן טְרֶערְן וֶוערְן נִישְׁט פַארְשְׁפַּארְט - דָאךְ אִיז אָבֶּער דָא טִירְן, מֶען דַארְף טְרֶעפְן דִי טִירְן; נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען וֵויינֶען, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס וֵויינֶען נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל; זָאגְט דֶער צַדִיק, אוֹיף שִׂמְחָה אִיז נִישְׁטָא קַיין טִירְן, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן אֵיינֶער זָאל עֶפֶענֶען, אֵיינֶער זָאל פַארְשְׁפַּארְן, נָאר תֵּיכֶף וּמִיַּד וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ - אִיז עֶר שׁוֹין בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

שִׂמְחָה אִיז מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דִי שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה, חֲתָ"ךְ - אִיז דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, טז): "פּוֹתֵחַ' אֶת' יָדֶךָ'"; אוֹיךְ אִיז דָאס דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּן (דְבָרִים טז, טו): "וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ'"; וַוייל אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - הָאט מֶען פַּרְנָסָה.

לָאמִיר טַאנְצְן: "אַשְׁרֵינוּ, מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ!"

...

## מֶען דַארְף זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן, נִישְׁט סְטְרַאשֶׁען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ט מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ...**

דָאס וָואס אִיר טוּט - אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, אִיר סְטְרַאשֶׁעט אַייעֶר מַאן מִיט נִישְׁט גֵיין וְכוּ׳ - דָאס אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אוּן אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה.

אַז מֶען הָאט זַאכְן וָואס שְׁטֶערְט - דַארְף מֶען זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן, נִישְׁט סְטְרַאשֶׁען; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט אַ גְרוֹיסֶע שְׁטְרָאף אוֹיף דֶעם.

...

## אַ בְּרָכָה לְכָבוֹד דִי זֶעכְצִיגְסְטֶע יוֹם הוּלֶדֶת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ט מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ר׳ ... שְׁלִיטָ״א**

אִיךְ וִויל דִיר וִוינְטְשְׁן אַ בְּרָכָה לְכָבוֹד דַיין זֶעכְצִיגְסְטֶע יוֹם הוּלֶדֶת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן אוּן צוּ זֶען נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה.

...

## וָואס מֵיינְט "שְׁלֶעכְטֶע תְּפִילוֹת" וָואס מֶען טָאר נִישְׁט בֶּעטְן?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט, וָואס אִיז פְּשַׁט וָואס רֶבִּי נָתָן בֶּעט אִין דִי תְּפִלָּה (לִקּוּטֵי תְּפִילוֹת, עד): "וְתִשְׁמְרֵנִי וְתַצִּילֵנִי מִתְּפִלּוֹת רָעוֹת", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע תְּפִילוֹת אוּן דָא הֶערְסְטוּ בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אִין יְשִׁיבָה אַז מֶען קֶען אַלֶעס בֶּעטְן; דוּ ווִילְסְט פַארְשְׁטֵיין, וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְטֶע תְּפִילוֹת, עֶס אִיז מַשְׁמַע אַז אוֹיף עֶפֶּעס זָאל מֶען נִישְׁט בֶּעטְן?

קוּק אַרַיין אִין דִי תּוֹרָה אוֹיף וָואס דִי תְּפִלָּה גֵייט אַרוּיף, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן רט): "כִּי יָדוּעַ שֶׁיֵּשׁ לְכָל אָדָם תְּפִלּוֹת רָעוֹת", יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט גוּטֶע תְּפִילוֹת וָואס עֶר בֶּעט, אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת סג.): "גַּנָּבָא עַל מַחְתַּרְתָּא רַחֲמָנָא קַרְיָא", דֶער גַנָב אֵיידֶער עֶר בְּרֶעכְט זִיךְ אַיין, בֶּעט עֶר אַ שְׁטִילֶע תְּפִלָּה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר דִי גְנֵיבָה זָאל זִיךְ גוּט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, קֵיינֶער זָאל מִיךְ נִישְׁט כַאפְּן, "נִמְצָא אַחַר כָּךְ כְּשֶׁעוֹמֵד לְהִתְפַּלֵּל תְּפִלָּה הָרָאוּי לְהִתְפַּלֵּל, אֲזַי בָּא הַתְּפִלָּה רָעָה וּמְבַלְבֶּלֶת אוֹתוֹ", וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווִיל בֶּעטְן אוֹיף גוּטֶע זַאכְן, קוּמֶען דִי נִישְׁט גוּטֶע תְּפִילוֹת אוּן שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ; מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיז אַ גוּטֶע תְּפִלָּה אוּן וָואס אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע תְּפִלָּה. אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט אִין זַיינֶע תַּאֲווֹת רָעוֹת, עֶר זוּכְט אַ שְׁלֶעכְט תַּאֲוָה, בֶּעט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל קֶענֶען אוֹיסְפִירְן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

וָואס אִיז דִי עֵצָה? זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וְהַתִּקּוּן לָזֶה, הַכְנָסַת אוֹרֵחַ

תַּלְמִיד חָכָם", דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז אַרַיינְצוּנֶעמֶען תַּלְמִידֵי חֲכָמִים בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים דֶעמָאלְט פַארְעֶכְט מֶען אַלֶעס; וַוייל דֶער צַדִיק לֶערְנְט אוֹיס וָואס צוּ בֶּעטְן אוּן וְויאַזוֹי צוּ בֶּעטְן, דֶער צַדִיק לֶערְנְט אוֹיס וָואס אִיז גוּט, וָואס אִיז וִויכְטִיג.

אוֹיף דִי תּוֹרָה בֶּעט רֶבִּי נָתָן דִי תְּפִלָּה: "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, שֶׁתַּעַזְרֵנִי בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים, וּתְזַכֵּנִי לְהַכְנִיס אוֹרְחִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים בְּתוֹךְ בֵּיתִי, וְאֶזְכֶּה לְקַבְּלָם בְּכָבוֹד גָּדוֹל וּלְכַבְּדָם בְּכָל עֹז וּפְאֵר, עַד שֶׁיַּעֲלֶה לְפָנֶיךָ מִצְוָה זוֹ שֶׁל הַכְנָסַת אוֹרְחִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים כְּאִלּוּ הִקְרַבְתִּי תְּמִידִין כְּסִדְרָן, וּבִזְכוּת זֶה תַּעַזְרֵנִי שֶׁאֶזְכֶּה לְהִתְפַּלֵּל תְּפִלָּתִי לְפָנֶיךָ בְּכַוָּנָה גְדוֹלָה בְּכָל לֵב וָנֶפֶשׁ, וּבְמַחֲשָׁבָה זַכָּה וּנְכוֹנָה לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל לְבַד בֶּאֱמֶת, וּבְלִי שׁוּם בִּלְבּוּל וְעִרְבּוּב הַדַּעַת, וּבְלִי שׁוּם מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת כְּלָל, וְתִשְׁמְרֵנִי וְתַצִּילֵנִי מִתְּפִלּוֹת רָעוֹת, וְלֹא יְבַלְבְּלוּ הַתְּפִלּוֹת רָעוֹת אֶת תְּפִלָּתִי הַקְּדוֹשָׁה, וּתְתַקֵּן וּתְזַכֵּךְ אֶת תְּפִלָּתִי, וְתִהְיֶה תְפִלָּתִי שְׁלֵמָה וּסְדוּרָה בְּפִי, וְיִהְיוּ נָא אֲמָרַי לְרָצוֹן לִפְנֵי אֲדוֹן כֹּל, וְתַעֲלֶה תְפִלָּתִי לְפָנֶיךָ לְרָצוֹן לְמַעְלָה לְמַעְלָה, וְתַעֲלֶה וְתִנָּשֵׂא לִהְיוֹת כֶּתֶר לְרֹאשְׁךָ, וּתְמַלֵּא כָּל מִשְׁאֲלוֹתַי לְטוֹבָה בְּרַחֲמִים, הַאֲזִינָה ה' תְּפִלָּתִי וְהַקְשִׁיבָה בְּקוֹל תַּחֲנוּנוֹתָי, וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן, אֱלֹקִים בְּרָב חַסְדֶּךָ עֲנֵנִי בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ, יֶעֱרַב עָלָיו שִׂיחִי, אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה' יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם, בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת ה', הַלְלוּיָהּ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ זָאל זַיין גֶעבּוֹיט אוֹיף צַדִיקִים; אַז מֶען לֶעבְּט מִיט אַ צַדִיק - דָאס הֵייסְט אַרַיינְגֶענוּמֶען תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אִין שְׁטוּבּ, דֶעמָאלְט וֵוייסְט מֶען שׁוֹין וָואס צוּ בֶּעטְן, מֶען וֵוייסְט וִוי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן, עֶס בֶּעט זִיךְ אֵיין זַאךְ: "טַאטֶע אִיךְ וִויל זַיין גוּט, טַאטֶע אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, טַאטֶע אִיךְ וִויל זַיין דָבוּק צוּ דִיר בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵמוּת", מֶען וִויל גָארְנִישְׁט, מֶען וִויל גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## מַאן אוּן וַוייבּ דַארְפְן זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן אוּן גֶעזָאגְט מֶערֶערֶע מָאל, אוֹיבּ אִיז דָא זַאכְן וָואס שְׁטֶערְט אַייךְ פוּן אַייעֶר מַאן - דַארְפְּט אִיר דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים. מַאן אוּן וַוייבּ זֶענֶען שֻׁתָּפִים אִין לֶעבְּן; בַּיי שׁוּתְּפוּת דַארְף מֶען זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.

עֶס זֶענֶען דָא וָואס הַאלְטְן זִיךְ צוּרִיק פוּן רֶעדְן אוּן זַיין אָפְן וֶוען עֶפֶּעס בַּאדֶערְט מִיט דִי טַעֲנָה אַז נָאכְן רֶעדְן וֶוערְט צֶעשְׁטֶערְט דִי רוּאִיגְקֵייט, מֶען וֶוערְט אַבִּיסְל אַנְטוֹישְׁט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן; דָאס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, וַוייל אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען הָאט אַן אִינְפֶעקְשָׁאן גֵייט מֶען צוּם דָאקְטֶער, דֶער דָאקְטֶער פְּלַאצְט אוֹיף דֶעם וואוּנְד, עֶס רִינְט אַרוֹיס דִי אֵייטֶער אוּן בְּלוּט; עֶס זֶעט אוֹיס שְׁרֶעקֶעדִיג, עֶס אִיז נִישְׁט בַּא'טַעמְ'ט - אָבֶּער דָאס אִיז דִי רְפוּאָה, אַז דִי אֵייטֶער אוּן שְׁמוּץ זָאל אַרוֹיסְגֵיין. וֶועט אֵיינֶער זָאגְן: "אִיךְ גֵיי נִישְׁט צוּם דָאקְטֶער, אִיךְ וִויל נִישְׁט זֶען דִי אֵייטֶער אוּן בְּלוּט"? וֶועט אֵיינֶער טְרַאכְטְן נִישְׁט אוֹיפְצוּעֶפֶענֶען דִי וואוּנְד וַוייל עֶס טוּט וֵויי? מֶען קֶען דָאךְ אִינְגַאנְצְן פַאר'סַמְ'ט וֶוערְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ! אַזוֹי אִיז בַּיי מַאן אוּן וַוייבּ, מֶען מוּז עֶפֶענֶען דֶעם וואוּנְד, אֲפִילוּ עֶס טוּט וֵויי.

אַז מֶען הָאט זַאכְן צוּ שְׁמוּעֶסְן דַארְף מֶען דָאס דוּרְכְרֶעדְן אוּן אַז מֶען רֶעדְט עֶס דוּרךְ אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, מֶען זָאגְט פַאר'ן מַאן: "דָאס טוּט מִיר וֵויי, דָאס שְׁטֶערְט מִיר", אוּן דֶער מַאן עֶנְטְפֶערְט: "מִיר טוּט וֵויי עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ", - וֵוייסְט מֶען וִוי אַזוֹי אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, אָבֶּער אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט, מֶען עֶסְט זִיךְ אוֹיף פוּן אִינֶעוֵוייגִיג - אִיז נִישְׁט גוּט, דִי גַאנְצֶע לִיבְּשַׁאפְט גֵייט אַוֶועק.

נָאךְ אַ וויכְטִיגֶע כְּלַל אִין שָׁלוֹם בַּיִת; אַז דֶער מַאן הָאט אַ פַּארְקֶערְטֶע נַאטוּר פוּן דִי וַוייבּ אוּן דָאס שְׁטֶערְט פַּאר דִי וַוייבּ, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז דֶער מַאן אִיז אַ שְׁטַייטֶער אוּן דִי פְרוֹי אִיז מֶער שְׁנֶעל, מֶער שַׁארְף, אוּן זִי וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן זַיין שְׁטַייטְקֵייט - אִיז דָאס אִיר פְּרָאבְּלֶעם, נִישְׁט זַיין פְּרָאבְּלֶעם; דִי פְרוֹי הָאט צְוֵויי בְּרֵירוֹת, אָדֶער זִיךְ אוֹיפְעֶסְן אוּן חוֹזֶק מַאכְן פַּאר אִירֶע גֶעשְׁוִוּיסְטֶער אָדֶער חַבֵר׳טֶעס פוּן אִיר מַאן אוּן לֶעבְן יֶענֶע סָארְט לֶעבְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אָדֶער זִיךְ אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ פַּארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַנֶערְקֶענֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט אוּן נִישְׁט אַלֶעס מוּז זַיין וִוי אִיךְ וִויל; זוּכְן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען לֶעבְן מִיט אַ שְׁטַייטֶער מֶענְטְשׁ.

אָדֶער צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דֶער מַאן אִיז אַ נִישְׁט מְסוּדָר׳דִיגֶער אוּן דִי וַוייבּ אִיז אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע - אִיז דָאס נִישְׁט זַיין פְּרָאבְּלֶעם; זִי הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם, זִי מֵיינְט אַז אַלֶע מֶענְטְשְׁן דַארְפְן זַיין לוֹיט אִיר פּוּנְקְטְלִיכְקֵייט, לוֹיט אִיר רֵיינְקֵייט וְכוּ׳. אַנְשְׁטָאט וֵויינֶען אוֹיפְ׳ן מַאן - זָאל זִי וֵויינֶען אוֹיף אִיר צָרָה, זִי זָאל אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי וֶועג וָואס זִי לֶעבְט אַז אַלֶע דַארְפְן זַיין אַזוֹי וִוי אִיר.

אָבֶער אַז מֶען וֶוערְט וֵויי גֶעטוּן אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן - דָאס מוּז וֶוערְן דוּרְכְגֶערֶעדְט, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם הָאבְן אַ פַּחַד אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן - דָאס טָאר נִישְׁט זַיין; וֶוען מֶען רֶעכְנְט זִיךְ נִישְׁט מִיטְ׳ן צְוֵוייטְנְ׳ס גֶעפִילְן, מֶען מַאכְט יֶענֶעם אַוֶועק, מֶען טוּט וֵויי יֶענֶעם - דַארְף מֶען זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ, זָאגְט אַבִּיסְל תְּהִלִים יֶעדְן טָאג אוּן פְלֶעכְטְס אַרַיין צְווִישְׁן דִי פְּסוּקִים אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער, זָאגְט אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דְרוּקְט אַייךְ אוֹיפְ׳ן הַארְץ - וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין דִי פְּרַייז פוּן דִירוֹת אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ט מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

הֱיוֹת עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין סַאךְ דִירוֹת אִין שְׁטֶעטְל אוּן אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת ווִילְן קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל - דַארְפְן מִיר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי פְּרַייז זָאל נִישְׁט אַרוֹיף גֵיין, ווַייל אַז עֶס אִיז דָא מֶער מֶענְטְשְׁן ווִיפִיל דִירוֹת עֶס אִיז דָא, אוּן יֶעדֶער ווִיל הָאבְּן דִי דִירָה, מֶען אִיז גְרֵייט צוּ גֶעבְּן מֶער גֶעלְט אַבִּי צוּ הָאבְּן דִי דִירָה - גֵייט אַרוֹיף דִי פְּרַייז.

דֶערִיבֶּער הָאט דִי הַנְהָלָה גֶעמַאכְט אַ וַעַד אַז וֶוער עֶס ווִיל קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל; סַיי קוֹיפְן, סַיי דִינְגֶען - מֶעלְדְט זִיךְ צוּ דִי וַעַד, אַזוֹי גֶעבְּט מֶען אַכְטוּנְג אַז דִי פְּרַייזְן זָאלְן נִישְׁט אַרוֹיף גֵיין.

וֶוען דֶער שְׁטֶעטְל הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר דִי אִינְגֶעלַייט: אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אִין שְׁטֶעטְל, מֶען וֶועט נָאר זֶען דָאס גוּטְס בַּיים צְוֵוייטְן, מֶען וֶועט זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן אִין יֶענֶעמְ׳ס לֶעבְּן צוּ הֶעלְפְן יֶענֶעם מִיט קָאכְן, בַּאקְן, נֶעמֶען יֶענֶעמְ׳ס קִינְדֶער וְכַדוֹמֶה - וֶועלְן אַלֶע שְׁכֵנִים פַארְקוֹיפְן זֵייעֶרֶע הַייזֶער פַאר בִּילִיג.

דִי וַעַד הָאט גֶעשְׁטֶעלְט הָאבְּרֵךְ ... פַאר וֶוער עֶס ווִיל קוֹיפְן אַ הוֹיז, פַארְבִּינְדְט אַייךְ מִיט אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט עֶנְק גֶעהִיטְן פוּן אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פַארְוָואס טְרַאכְטְסְטוּ אַז דָאס אִיז אַ שְׁטְרָאף? פַארְוָואס טְרַאכְטְסְטוּ נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק גֶעהִיטְן פוּן אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד?!

בַּיי מִיר אִיז גֶעוֶוען אַזַא מַעֲשֶׂה, מַיין וַוייבּ הָאט פַארְלוֹירְן וְכוּ'; הָאט מִיר מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט: "דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט עֶנְק גֶעהִיטְן פוּן אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד"; פוּן דֶעמָאלְט זָאג אִיךְ פַאר אַלֶע וָואס קוּמֶען מִיר דֶערְצֵיילְן אַז זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן וְכוּ' - וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט: "דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט עֶנְק גֶעהִיטְן פוּן אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד".

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נד.): "חַיָּב אָדָם לְבָרֵךְ עַל הָרָעָה", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שְׁלֶעכְטְס, "כְּשֵׁם שֶׁמְּבָרֵךְ עַל הַטּוֹבָה", אַזוֹי ווִי עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטְס; לִכְאוֹרָה, פְרֶעגְן אַלֶע, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ זָאג יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף שְׁלֶעכְטְס מִיט דִי זֶעלְבֶּע שִׂמְחָה וָואס מֶען דַאנְקְט אוֹיף גוּטְס? נָאר מֶען זָאגְט דֶעם מֶענְטְשׁ 'דַאנְק אוֹיף שְׁלֶעכְטְס, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט; דוּ מֵיינְסְט אַז עֶס אִיז שְׁלֶעכְט, וַוייל עֶס אִיז גוּט'; דוּ מֵיינְסְט אַז דוּ הָאסְט פַארְלוֹירְן - וֶוען פוּן הִימְל הִיט מֶען דִיר פוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן.

חַזֵר אֱמוּנָה, זִינְג נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, זִינְג דֶעם נִיגוּן: **"אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - אִיז דָאךְ גוּט, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס שְׁלֶעכְט - וֵוייס אִיךְ עֶר אִיז גֶערֶעכְט, אִיךְ דַארְף נָאר אֵיין זַאךְ זֶען - אִיךְ זָאל אֵייבִּיג**

רֶעדְן צוּ אִים, אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן יֶעדֶע זַאךְ - וֶועט עֶס וֶוערְן בֶּעסֶער גְלַייךְ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט דִי תְּפִילוֹת דָאס בֶּעסְטֶע פַאר'ן מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, יֶעדֶע תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אַסַאךְ מָאל זֶעט מֶען נִישְׁט גְלַייךְ דִי יְשׁוּעָה, מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מֶדְרָשׁ רַבָּה וָאֶתְחַנַּן ב, יז): "יֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לְאַרְבָּעִים יוֹם", עֶס אִיז דָא אַמָאל אַ תְּפִלָּה וָואס וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען נָאךְ פֶערְצִיג טֶעג, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (דְבָרִים ט, יח): "וָאֶתְנַפַּל לִפְנֵי ה' כָּרִאשֹׁנָה אַרְבָּעִים יוֹם וגו'", עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט פֶערְצִיג טֶעג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "וְיֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לְעֶשְׂרִים יוֹם", עֶס אִיז דָא אַמָאל אַ תְּפִלָּה וָואס וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען נָאךְ צְוָואנְצִיג טֶעג, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי דָנִיֵּאל (דָנִיֵּאל י, ג): "לֶחֶם חֲמֻדוֹת לֹא אָכַלְתִּי וגו' עַד מְלֹאת שְׁלֹשֶׁת שָׁבֻעִים יָמִים", עֶר הָאט גֶעפַאסְט דְרֵיי וָואכְן, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן (שָׁם ט, יט): "ה' שְׁמָעָה ה' סְלָחָה וגו'". "וְיֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לִשְׁלֹשָׁה יָמִים", עֶס אִיז דָא אַמָאל אַ תְּפִלָּה וָואס וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען נָאךְ דְרֵיי טֶעג, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי יוֹנָה הַנָּבִיא (יוֹנָה ב, א): "וַיְהִי יוֹנָה בִּמְעֵי הַדָּג וגו'", אוּן נָאכְדֶעם שְׁטֵייט (יוֹנָה ב, ב): "וַיִּתְפַּלֵּל יוֹנָה אֶל ה' אֱלֹקָיו מִמְּעֵי הַדָּגָה". "וְיֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לְיוֹם אֶחָד", עֶס

אִיז דָא אַמָאל אַ תְּפִלָּה וָואס וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען נָאךְ אֵיין טָאג, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, עַיֵּין שָׁם.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן קֵיין סְפֵיקוֹת אִין תְּפִלָּה - אוּן זִיכֶער נִישְׁט אָפְּלָאזְן תְּפִלָּה, וַוייל יֶעדֶע תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט דִי תְּפִילוֹת דָאס בֶּעסְטֶע פַאר׳ן מֶענְטְשׁ. אַמָאל אִיז דָא אַ גְזֵירָה אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ, נֶעמְט מֶען דִי תְּפִילוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ בֶּעט אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע זַאךְ אוּן מֶען אִיז מְבַטֵּל מִיט דִי תְּפִילוֹת - דִי גְזֵירָה. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט אוֹיף פַּרְנָסָה אוּן מֶען לֵייגְט דָאס פַאר זַיין גֶעזוּנְט אָדֶער דִי גֶעזוּנְט פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה; דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט פָּאר, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ ׳אִיךְ בֶּעט אוֹיף פַּרְנָסָה אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט וִוי עֶפֶּעס רוּקְט זִיךְ!׳ עֶר וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אוּן הֶערְט אוֹיף בֶּעטְן; אָבֶּער בֶּאֱמֶת הָאט מֶען גֶענוּמֶען דִי אַלֶע תְּפִילוֹת אוּן אִים גֶערַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן וַוייטֶער גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ פוּן דַיין לֶעבְּן - אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט נִישְׁט גְלַייךְ דִי יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אֲפִילוּ אִין אַן אַנְדֶערֶע סְקוּל זֶענְט אִיר וַוייטֶער אַ ׳בֵּית פֵּיגָא תַּלְמִידָה׳

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ט מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**צוּ דִי חָשׁוּבְ׳עֶ תַּלְמִידָה ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ אַז אִיר הָאט יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים, אַזוֹי יוּנְג, אִיר זֶענְט זִיבְּן אוּן אַ הַאלְבּ יָאר

מִיט אַזוֹיפִיל פַארְשְׁטַאנְד, אִיר הָאט שֵׂכֶל צוּ זָאגְן תְּהִלִּים.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ אַ מַתָּנָה אַ סֵפֶר תְּהִלִּים, אִיר זָאלְט עֶס נוּצְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אִיר זָאלְט יֶעדְן טָאג זָאגְן תְּהִלִּים. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט צוּ גוּטֶע זַאכְן, צוּ בִּטָחוֹן, צוּ אֱמוּנָה; תְּהִלִּים נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע צָרוֹת.

אֲפִילוּ אִיר לֶערְנְט יֶעצְט אִין אַן אַנְדֶערֶע סְקוּל - זֶענְט אִיר וַוייטֶער אַ 'בֵּית פֵּיגָא תַּלְמִידָה'; אַ תַּלְמִידָה בְּלַייבְּט אַ תַּלְמִידָה אוֹיף אֵייבִּיג.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר דַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דֶער חָשׁוּבְ'עֶר מְלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַיינֶע קִינְדֶער ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן ... נֵרוֹ יָאִיר הָאבְּן זֵייעֶר גוּט גֶעקֶענְט חוּמָּשׁ רַשִׁ"י מִיט גְמָרָא.

אִיךְ זֶע ווִי זֵיי שְׁטֵייגְן טָאג טֶעגְלִיךְ בַּתּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידּוֹת טוֹבוֹת. זֵייעֶר כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר גוּט, זֵיי פָּאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע אוּן זֵיי פִירְן זִיךְ עֶרְלִיךְ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר דַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

...

## לָאז וויסְן פַאר די מֶענְטְשְׁן וָואס וַוארְטְן פַּאר אַ דִירָה אִין שְׁטֶעטְל

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אַזוֹי ווי עֶס וֶוערְט יֶעצְט פֶּערְטִיג מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף נָאךְ נַיינְצְן דִירוֹת; זֶעכְצְן דִירוֹת אוֹיף טְוִוין בְּרִידְשׁ, צְוֵויי דִירוֹת אוֹיף מַארְקֶס אוּן אַ נַיינְצְנְטֶע אוֹיף אָלְד מַאנְטִיסֶעלָאוֹ - זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן גֶעקוֹיפְט אוֹיבּ זֵיי ווִילְן פַּארְדִינְגֶען זֵייעֶר צְוֵויייטֶע דִירָה, אוּן די מִשְׁפָּחוֹת וָואס צִיעֶן זִיךְ אַוֶועק פוּן אֵיין דִירָה צוּם צְוֵוייטְן - זָאלְסְטוּ אוֹיךְ נֶעמֶען אִין חֶשְׁבּוֹן ווִיפִיל דִירוֹת עֶס שְׁטֵייט צוּ פַּארְדִינְגֶען אוּן הֵייבּ אָן עֶנְטְפֶערְן פַאר די אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס וַוארְטְן אוֹיף אַן עֶנְטְפֶער פוּן דִיר פַאר אַ דִירָה אִין שְׁטֶעטְל.

מֶענְטְשְׁן וַוארְטְן אַזוֹי לַאנְג דוּ זָאלְסְט צוּרִיק רוּפְן אוּן מֶעלְדְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא דִירוֹת; יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא דִירוֹת - אִיז דָאךְ אַ שָׁאד פַאר די אַלֶע וָואס ווִילְן קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם שָׁאטְל וְכוּ׳; אִיךְ וויל אַ שָׁאטְל אִין שְׁטֶעטְל פַאר יֶעדֶע פְּרַייז, מִשְׁפָּחוֹת קֶענֶען נִישְׁט זַיין אַיינְגֶעשְׁפַּארְט, עֶס מוּז זַיין אַ וֶועג פַאר די פְרוֹיעֶן צוּ קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן.

אוֹיבּ דוּ הָאסְט עֶפֶּעס אִינְפָארְמַאצִיֶע בְּנוֹגֵעַ דֶעם בֵּית הַחַיִּים - לָאז מִיר ווִיסְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ שֵׁיינֶע תְּהִלִּים לְכָבוֹד דִי בַּת מִצְוָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן וִוי אִיר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיטְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, וּבִפְרַט אַז אִיר גֶעבְּט דָאס אִיבֶּער פַאר אַנְדֶערֶע, אִיר זֶענְט מְחַזֵּק נָאךְ מִשְׁפָּחוֹת; מֶען נֶעמְט זִיךְ צַאם נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען הֶערְט אִינְאֵיינֶעם שִׁיעוּרֵי הִתְחַזְּקוּת.

וֶוער עֶס הָאט אַ חֵלֶק אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת – וֶוערְט אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן טז): "מִי שֶׁמְּפַרְסֵם אֶת הַצַּדִּיק, זוֹכֶה לְשִׂמְחָה", וֶוער עֶס פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם צַדִּיק – וֶוערְט פְרֵיילִיךְ; דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶוערְט פְרֵיילִיךְ.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר טָאכְטֶער וָואס זִי וֶוערְט יֶעצְט אַ בַּת מִצְוָה, אִיר פְרֶעגְט וָואס מֶען זָאל אִיר זָאגְן, וָואס זָאל מֶען טוּן וְכוּ׳; קוֹיפְט אִיר אַ שֵׁיינֶע תְּהִלִּים אוּן זַייט אִיר מְחַזֵּק זִי זָאל זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, אוּן יֶעדֶעס מָאל זִי עֶנְדִיגְט תְּהִלִּים זָאל זִי אַרַיינְשְׁרַייבְּן "סִיַּמְתִּי עוֹד הַפַּעַם", "פַּעַם רִאשׁוֹן", "פַּעַם שֵׁנִי", אַזוֹי וֶועט זִי הָאבְּן אַ שְׁטוּפּ צוּ זָאגְן מֶער אוּן מֶער; תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, זָאג אִיר צוּ אַז דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט גֵיין אוֹיף בְּרֶסְלֶב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין וַוייטָאגְלִיכֶער בְּרִיווּ.

זֶעט אוֹיס אַז דַיין וַוייבּ הָאט גֶעהֶערְט זֵייעֶר שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אוֹיף בְּרֶסְלֶב בִּכְלַל אוּן אוֹיף הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בִּפְרַט; זִי צִיטֶערְט אַז דוּ בִּיסְט פַארְכַאפְּט אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע פְּלַאץ - דֶערִיבֶּער סְטְרַאשֶׁעט זִי אוּן זִי גֵייט נִישְׁט וְכוּ׳, דָאס מַאכְט אִיר זָאלְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שָׁלוֹם בַּיִת.

דִיר זָאג אִיךְ אַז זִי אִיז אַ וואוֹילֶע פְרוֹי, זִי אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, זִי הָאט פָּשׁוּט מוֹרָא צוּ לֶעבְּן מִיט דִיר וַוייל דוּ בִּיסְט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ קוּלְט. דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ אוֹיפְהֶערְן דַאוֶונֶען אִין בְּרֶסְלֶב, גֵיי מֶער נִישְׁט צוּ דִי שִׁיעוּרִים, טוּ אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אַבִּי דוּ זָאלְסְט צוּרִיק הָאבְּן דַיין שְׁטוּבּ; דוּ קֶענְסְט זִיךְ וַוייטֶער פִירְן מִיטְ׳ן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זִיךְ מְחַיֵּ׳ מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ טוּן, לֶערְן וַוייטֶער דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה; אִין קוּרְצֶע וֶוערְטֶער, דוּ דַארְפְסְט גָארְנִישְׁט אָפְּלָאזְן, סַךְ הַכֹּל זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען מֶער דַאוֶונֶען אִין בְּרֶסְלֶב, זִיךְ נִישְׁט רֵייצְן מִיט אִיר, כְּדֵי אַז דַיין מִשְׁפָּחָה זָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן.

וָואס קֶענֶען מִיר טוּן אַז מִיר זֶענֶען אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט... יֶעצְט וֶועסְטוּ שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז גֶעוֶוען פְּשַׁט וֶוען רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעפוּנֶען דֶעם רֶבִּי׳ן וַויינֶען הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן: ״פַארְוָואס וַויינְט דֶער רֶבִּי?״ זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי: ״מֶען זָאגְט אוֹיף מִיר אַז אִיךְ בִּין כַּת ...״, רֶבִּי נָתָן זָאגְט: ״אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער רֶבִּי וַויינְט; אִיז וָואס? הָאט יֶענֶער גֶעזָאגְט דוּ בִּיסְט כַּת ..., וֶועם גֵייט אָן וָואס דֶער זָאגְט, וָואס יֶענֶער זָאגְט?״ אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט

אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעאַרְבֶּעט אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, דִי וֶועג פוּן רֶבִּי׳ן - אִין דִי וֶועלְט, אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן פוּן רֶבִּי׳ן צוּלִיבּ דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע׳ס, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוֵויינְט אַז מֶען זָאגְט אוֹיף אִים דִי לָשׁוֹן הָרָע׳ס".

יֶעצְט וֶוען דַיין וַוייבּ גֵייט נִישְׁט וְכוּ׳, זִי וִויל מֶער נִישְׁט הָאבְּן מִיט דִיר, שׁוֹין לַאנְגֶע וָואכְן וָואס אִיר זֶענְט צֶעטֵיילְט שְׁטִילֶערְהֵייט רַחֲמָנָא לִצְּלָן; וָואס אִיז דַיין חֵטְא, אַז דוּ גֵייסְט שַׁבָּת הֶערְן חִיזוּק אוֹיף גֵיין דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן? חִיזוּק אוֹיף הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן? חִיזוּק אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת? - זָאלְסְטוּ אִיר נָאכְגֶעבְּן, זָאלְסְט אִיר נִישְׁט וֵויי טוּן, זָאלְסְט אִיר פַארְשְׁטֵיין; זִי הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט לָשׁוֹן הָרָע, יֶעצְט קֶענְסְטוּ גָארְנִישְׁט טוּן, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ טוּן רְצוֹן הַשֵּׁם, דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן צוּזָאגְן אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט גֵיין קַיין בְּרֶסְלֶב.

דֶעם רֶבִּינְ׳ס לִימּוּד אִיז אַ לִימּוּד וָואס אִיז נִישְׁט תּוֹפֵס מָקוֹם. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן קסב) עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם גְרוֹיסְן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - אַ רַייכֶער מֶענְטְשׁ, אַ יַחְסָן, עֶר הָאט גֶעשְׁטַאמְט פוּן אַ חָשׁוּבְ׳עֶר מִשְׁפָּחָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מִתְנַגֵּד אוֹיפְ׳ן הֵיילִיגְן מַגִּיד; דֶער מַגִּיד הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן דַיינֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן מְקָרֵב זַיין דֶעם אִיד צוּ אִים, וֶוען דֶער אִיד אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַן אָרֶעמַאן, הָאט דֶער מַגִּיד גֶעזָאגְט: "שֶׁאֵלּוּ שְׁנֵיהֶם אִי אֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיוּ בְּמָקוֹם אֶחָד", תּוֹרָה וּגְדֻלָּה גֵייט נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם, "הָרוֹצֶה לְהַחְכִּים יַדְרִים, לְהַעֲשִׁיר יַצְפִּין", וַוייל וֶוער עֶס וִויל וֶוערְן קְלוּג זָאל זִיךְ צִיעֶן קַיין דָּרוֹם, אוּן וֶוער עֶס וִויל זַיין רַייךְ זָאל גֵיין קַיין צָפוֹן, קֶען מֶען נִישְׁט זַיין אוֹיף אֵיינְמָאל אִין אֵיין פְּלַאץ.

זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי, דָאס אִיז וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וִויל עֶפֶּעס, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז עֶפֶּעס, עֶר אִיז אַ מְצִיאוּת; אַזַא אֵיינֶער קֶען נָאר זַיין

אָדֶער דָא אָדֶער דָארְט, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וִויל גָארְנִישְׁט, מֶען אִיז גָארְנִישְׁט - דֶעמָאלְט קֶען מֶען יָא הָאבְּן בֵּיידֶע זַאכְן, סַיי חָכְמָה אוּן סַיי עֲשִׁירוּת, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס חָכְמָה אוּן דִי גְרֶעסְטֶע עֲשִׁירוּת.

דָאס אִיז דֶער לִימוּד פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט תּוֹפֵס מָקוֹם, דֶער רֶבִּי אִיז דִי בְּחִינָה פוּן (מְגִילָה י:): "מְקוֹם אָרוֹן אֵינוֹ מִן הַמִּדָּה"; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חֲסִידוּת וואוּ אִיךְ דַארְף זַיין דָא, אִיךְ דַארְף זַיין דָארְט, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אֱמוּנָה, דֶער רֶבִּי וַוייזְט אוּנְז אַ וֶועג וִוי צוּ לֶעבְּן, חָכְמַת הַחַיִּים, זַיין דָא אִין דֶעם עוֹלָם הַשָּׁפָל - אוּן זַיין אוֹיבְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאבְּן אַ וַוייבּ, הָאבְּן קִינְדֶער, בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, זַיין אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט מִשְׁפָּחָה, טַאטֶע מַאמֶע, שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער - אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אִיז דֶער קָאפּ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי אוֹיךְ אִין לִימוּד הַתּוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ מֵרֵישָׁא וְעַד גְּמִירָא (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אֲפִילוּ פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן, קְלֵיינְטְשִׁיגֶע מֶענְטְשְׁן, אַז מֶען כַאפְּט אַרוֹיס צַייט אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט, וֶוען מֶען הָאט אַפָּאר מִינוּט נֶעמְט מֶען אַ סֵפֶר; אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ גְמָרָא, אַ מֶדְרָשׁ, אַ זוֹהַר אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, מֶען לֶערְנְט בְּלִי הֲבָנָה, מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער - דָאס אַלֶעס קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער טוּן, אֲפִילוּ וֶוען דִי וַוייבּ וִויל נִישְׁט הָאבְּן אוּן הֶערְן פוּן בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט; טַעֲנָה זִיךְ נִישְׁט מִיט אִיר, זוּךְ נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט. אַז זִי אִיז שׁוֹין אַזוֹי פַאר'עַקְשְׁנְ'ט אַז זִי גֵייט נִישְׁט פַאר לַאנְגֶע וָואכְן וְכוּ' - אִיז דָאס אַן אַיינְגֶעגֶעסֶענֶע זַאךְ, זָאלְסְטוּ אִיר נָאר אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער. גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רב) מֶען דַארְף גֶעבְּן אַסַאךְ כָּבוֹד פַאר דִי וַוייבּ, וַוייל וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּקַטְנוּת הַדַּעַת - אַלְץ מֶער דַארְף מֶען גֶעבְּן כָּבוֹד אוּן לָאזְן זַיין גֶערֶעכְט.

דוּ גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת; גֵיי וויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, דוּ זָאלְסְט גָארְנִישְׁט וֶועלְן נָאר אִים. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ ווילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס גֵייט אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער, ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט דִיר שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן פַּארְכַאפְּט, אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ גֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶס אִיז דִיר לִיכְטִיג גֶעוָוארְן, דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן, הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן ווִי דוּ בִּיסְט וֶוערְד בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ אַזַא מְנִיעָה אַז דַיין וַוייבּ ווִיל בְּשׁוּם אֵין אוֹפָן וַוייטֶער לֶעבְּן מִיט דִיר אוֹיבּ דוּ בְּלַייבְּסְט אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן, דִיר מְקָרֵב זַיין צוּ אִים; בַּאנוּץ זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי שְׁפַּאצִירְן אִין אַ לֵיידִיגְע פְּלַאץ, אַ לֵיידִיגֶע גַאס, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ – וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

אִיךְ הָאבּ דִיר נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ דַארְף לוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף אַבִּיסְל חִיזוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בַּיי הֲפָצָה דַארְף מֶען פְלַאקֶערְן אוּן בְּרֶענֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט אַ שְׁלִיחַ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שִׁיק אִיךְ דִיר אַ מַתָּנָה אַ זִילְבֶּערְנֶע קֵייטְל מִיט דִי אוֹת ה גֶעבֶּענְטְשְׁט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, חֵלֶק ב', סִימָן ח): "הֵא הַנַּעֲשֶׂה מִכֶּסֶף", אַ זִילְבֶּערְנֶע ה, "מְסֻגָּל לִפְרִיָּה וּרְבִיָּה", אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער; דַיין וַוייבּ קֶען דָאס

אָנְטוּן וִוי אַזוֹי זִי אִיז בַּאקְוֶועם, אָפְּן אָדֶער צוּגֶעדֶעקְט.

אִיךְ הָאבּ דַיין עֶנְוֶועלָאפּ פוּן פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ פוּן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף מַיין טִישׁ, אִיךְ זֶע דַיין נָאמֶען אוּן דַיין וַוייבְּ'ס נָאמֶען; אִיךְ בֶּעט פַּאר עֶנְק אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין לְזֶרַע שֶׁל קַיָּימָא בִּמְהֵרָה.

הָעִקָּר זָאלְסְטוּ מַמְשִׁיךְ זַיין בַּהֲפָצָה; גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רנג) וֶוען אַפָּאר מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען בֶּעטְן פַאר קִינְדֶער: "מָה הָרַעַשׁ הַזֶּה", וָואס טוּמְלְט אִיר? "הֲלֹא עִקַּר תּוֹלְדוֹתֵיהֶם שֶׁל צַדִּיקִים מַעֲשִׂים טוֹבִים", דֶער עִיקָר קִינְדֶער בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן אִיז דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים, "בְּוַדַּאי אִם אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת לְבָנִים בְּגַשְׁמִיּוּת בְּוַדַּאי מַה טּוֹב", אַוַודַאי אִיז גוּט צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, "אֲבָל הָעִקָּר הוּא לָשׂוּם לֵב לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דֶער עִיקָר דַארְף מֶען עוֹסֵק זַיין בַּעֲבוֹדַת ה'.

דוּ וֶועסְט נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, נָאר שְׁטַארְק זִיךְ בַּהֲפָצָה, וֶוער נִישְׁט זַאט; בַּיי גַשְׁמִיּוּת אִיז שַׁיָּיךְ צוּ וֶוערְן זַאט, נָאכְ'ן עֶסְן וֶוערְט מֶען זַאט וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער בַּיי הֲפָצָה דַארְף מֶען פְּלַאקֶערְן אוּן בְּרֶענֶען, נָאךְ אַ אִיד מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ אַ בָּחוּר זָאל וִויסְן אַז עֶר קֶען זַיין אַ צַדִּיק, נָאךְ אַ שְׁטוּבּ זָאל וִויסְן אַז זֵיי קֶענֶען לֶעבְּן מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, מִיט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה.

טֵייעֶרֶער ..., אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ בְּאַהֲבַת נֶפֶשׁ, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ דִיר, אִיךְ בֶּעט פַּאר דִיר.

...

### הָאבּ לִיבּ דִי קִינְדֶער אֲפִילוּ זֵיי מַאכְן זִיךְ קִינְדִישׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ וִויל דִיר שְׁטַארְקְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דַיין

הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז פוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאכְן, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא (שַׁבָּת קיט:); דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, טְרַאכְט נִישְׁט פַּאר קַיין אֵיין רֶגַע אָפְּצוּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, טְרַאכְט נִישְׁט 'אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעטְן נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי אַ מְלַמֵּד'; יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, יֶעדֶער פְּלָאגְט זִיךְ; אֵיינֶער בַּיי דִי אַרְבֶּעט, אַ צְוֵוייטֶער מִיט דִי קִינְדֶער, אֵיינֶער מִיט דִי וַוייבּ אוּן אַ פֶערְטֶער - מִיט זִיךְ אַלֵיינְס; יֶעדֶער אֵיינֶער בָּזֶה הָעוֹלָם מוּטְשֶׁעט זִיךְ, "אָדָם לְעָמָל יוּלָּד" (אִיּוֹב ה, ז), אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ פְּלָאגְן, "בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם" (בְּרֵאשִׁית ג, יט), מֶען דַארְף אַסַאךְ שְׁוִויצְן בִּיז מֶען בְּרֶענְגְט אַהֵיים פַּאר דִי מִשְׁפָּחָה בְּרוֹיט, "אַשְׁרֵי מִי שֶׁעֲמָלוֹ בַּתּוֹרָה" (בְּרָכוֹת יז.), וואוֹיל אִיז אוּנְז וָואס אוּנְזֶער פְּלָאג גֵייט אַוֶועק מִיט גוּטֶע זַאכְן, זַאכְן וָואס בְּלַייבְּן; אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער; מֶען דַארְף טַאקֶע זַיין שְׁטְרֶענְג, בִּפְרַט אָנְהֵייבּ יָאר דַארְף מֶען אַוֶועקְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין, אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָבֶּער זַיי מַטֶּה כְּלַפֵּי חֶסֶד, מַאךְ נִישְׁט יֶעדְן אֵיינֶעם פַּאר אַ מְחוּצָף. גֶעדֶענְק דַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן, דוּ בִּיסְט אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ קִינְד, אִיךְ בִּין אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ קִינְד, מִיר זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען אַמָאל נִישְׁט דֶערְוַואקְסְן. הָאבּ לִיבּ דִי קִינְדֶער אֲפִילוּ זַיי מַאכְן זִיךְ קִינְדִישׁ וְכוּ', מְלַמְּדוּת אִיז אַ חָכְמָה וְאֵינָהּ מְלָאכָה.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט יֶעדְן תַּלְמִיד, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר זֵייעֶר הַצְלָחָה.

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ.

...

## אַ שָׁאד דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר׳ן הֶעלְפְן טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער צוּ חֵדֶר אוּן אַהֵיים.

אַ שָׁאד דוּ קוּמְסְט גָארְנִישְׁט אִין יְשִׁיבָה הֶערְן שִׁיעוּרִים פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, עֶס וֶועט דִיר אַזוֹי צוּנִיץ קוּמֶען דִי שִׁיעוּרִים, דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי בֶּענְקֶען. קוּק דִי אִינְגֶעלַייט וִוי זֵיי כַאפְּן זִיךְ אַרוֹיף אִין יְשִׁיבָה הֶערְן אַ שִׁיעוּר וֶוען זֵיי הָאבְּן אִיבְּרִיג צַייט; בַּארֶעכְן זִיךְ, קוּם צוּ דִי שִׁיעוּרִים, הַאלְט זִיךְ יוּנְג.

...

## זֶע צוּ דְרֵייוְון לוֹיט דִי גֶעזֶעץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ דְרֵייוְון לוֹיט דִי גֶעזֶעץ, נִישְׁטָא קַיין חָכְמוֹת בַּיים דְרֵייוְון, בִּפְרַט וֶוען מֶען פִירְט קִינְדֶער - מוּז מֶען זַיין זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג.

גֶעבּ צְדָקָה פַאר דוּ הֵייבְּסְט אָן פָארְן; בֶּעט אַ תְּפִלָּה, זָאג תְּפִילַּת הַדֶּרֶךְ; צוּפְרִי זָאג דָאס מִיט דִי בְּרָכָה אוּן נָאכְדֶעם זָאג דִי תְּפִלָּה אָן דִי חֲתִימָה, אַזוֹי זָאגְט מוֹהֲרַא״שׁ.

זָארְג נִישְׁט, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ אַ חָתָן וֶוערְן.

...

## אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַ בַּאזֶעסֶענֶער מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן גוּטֶע גְרוּסְן וְוִי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט אוּן פוּן דַיין שֵׁיינֶע הִתְנַהֲגוּת.

נוּץ אוֹיס דִי שְׁטִילֶע גֶעסְלֶעךְ אִין שְׁטֶעטְל פַאר הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה; גֵיי שְׁפַּאצִירְן צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין; הִתְבּוֹדְדוּת בְּרֶענְגְט אַ יִשּׁוּב הַדַעַת, אַ קְלָארְקֵייט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רכח) אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַ צֶעמִישְׁטֶער מֶענְטְשׁ, אַ צֶעמִישְׁטֶער עֶרְלִיכֶער אִיד; אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַ בַּאזֶעסֶענֶער מֶענְטְשׁ.

פַארְגֶעס נִישְׁט אַיינְצוּטֵיילְן דִי הִתְבּוֹדְדוּת אִין צְוֵויי; הֵייבּ אָן מִיט דַאנְק אוּן לוֹיבּ אוּן נָאכְדֶעם קְרֶעכְץ זִיךְ אוֹיס.

...

## דוּ וֶועסְט הָאבְּן נָאר רֶיוַח פַארְ׳ן הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי׳ן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן מִיר הֶעלְפְן בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל, דוּ וֶועסְט הָאבְּן נָאר רֶיוַח פַארְ׳ן הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי׳ן, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אָנְהַאלְטְן דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים, דַיין גוּטֶע וֶועג; וַוייטֶער דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת אוּן לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר כְּסֵדֶר.

...

## הֶעלְפְן מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה אִיז אַ זַאךְ וָואס בְּלַייבְּט לְנֶצַח נְצָחִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן מִיר הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי מִיט דִי טְרַאנְסְפָּארְטֶעישְׁן אִין שְׁטָאט.

דַיין זְכוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס; הֶעלְפְן מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה אִיז אַ זַאךְ וָואס בְּלַייבְּט לְנֶצַח נְצָחִים, כָּל שֶׁכֵּן אוֹיפְבּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת עַל שֵׁם רַבֵּינוּ וואו דִי קִינְדֶער וֶוערְן נִתְחַנֵךְ מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, הִתְבּוֹדְדוּת, תְּפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם; דָאס וֶועט בְּלַייבְּן פַאר דִיר אוּן פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת.

רוּף צוּזַאם אַלֶע בָּחוּרִים וָואס דְרֵייוְון, הַיינְט נַאכְט בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ; אִיךְ וִויל זֵיי מְחַזֵק זַיין אוּן הֶערְן וָואס מֶען קֶען בֶּעסֶער מַאכְן.

...

## לָאמִיר זִיךְ בַּאנֵייעֶן, לָאמִיר הָאבְּן אוּנְזֶער פְרִישְׁקֵייט אוּנְזֶער גַאנְץ לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע בְּרִידֶער תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן גוּטֶע גְרוּסְן פוּן עֶנְקֶער חֲבוּרָה; מֶען הַאלְט זִיךְ פְרִישׁ, מֶען בַּאנֵייט זִיךְ כְּסֵדֶר פוּנְדָאסְנַיי.

דָאס זֶעעֶן מִיר דִי וָואךְ בַּיי דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת אוּן אִמָהוֹת, שָׂרָה אִמֵנוּ

הָאט גֶעלֶעבְּט מֵאָה שָׁנָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה וְשֶׁבַע שָׁנִים; זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע רַשִׁ"י, פַארְוָואס זָאגְט דִי תּוֹרָה בַּאזוּנְדֶער נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל: "שָׁנָה"? אוּנְז צוּ לֶערְנֶען אַז שָׂרָה אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי הוּנְדֶערְט יָאר אַזוֹי פְרִישׁ ווִי בַּיי דִי צְוָואנְצִיג און בַּיי דִי זִיבְּן; דָאס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, זֵיי הָאבְּן אַ פְרִישְׁקֵייט, אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט - זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְ'ן גְרוֹיסְן צַדִיק דֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא פוּן הַאנִיפּוֹלִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶר הָאט לַאנְגֶע יָארְן גֶעהַאט דֶעם בְּרֶען, דֶעם הִתְחַדְשׁוּת - אַזוֹי ווִי אִין אָנְהֵייבּ.

דֶערִיבֶּער טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, לִיבֶּע בְּרִידֶער; לָאמִיר זִיךְ בַּאנֵייעֶן, לָאמִיר הָאבְּן אוּנְזֶער פְרִישְׁקֵייט אוּנְזֶער גַאנְץ לֶעבְּן. דֶער רֶבִּי זָאגְט: "אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא), דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ו) עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְלֶעגְט מַאכְן עֶטְלִיכֶע מָאל אַ טָאג אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה.

זַייט שְׁטַארְק אִין דִי הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, דִי הַנְהָגָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה; ק) עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַסַאךְ צַדִיקִים, אַז זֵיי אַלֶע זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָן הִתְבּוֹדְדוּת. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט, אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד אָן הִתְבּוֹדְדוּת, זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען אוֹיסְרֶעכֶענֶען נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף יֶעדֶע נָאמֶען וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, אַז אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן אִים בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְדֶעם הָאט מֶען אוֹיסְגֶערֶעכְנְט נֶעמֶען וָואס זֶענֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְבּוֹדֵד, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט זֵיי זֶענֶען טַאקֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן אָבֶּער זֵיי זֶענֶען צֶעמִישְׁטֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת; אָן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען אַ פַארְלוֹירֶענֶער.

מִישְׁט אַייךְ נִישְׁט אִין קַיין מַחֲלֹקֶת, מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב פַּאר מַחֲלֹקֶת. אֲפִילוּ מֶען וֶועט אַייךְ זָאגְן אִין מַיין נָאמֶען עֶפֶּעס פוּן מַחֲלֹקֶת - זָאלְט אִיר נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, נָאר אַנְטְלוֹיפְן; קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן אַ צְוֵוייטְן, קֵיינְמָאל נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף אַנְדֶערֶע. נִישְׁטָא קַיין צַייט פַאר דִי זַאכְן, עֶס אִיז נִישְׁט וֶוערְד צוּ רֶעדְן פוּן מַחֲלֹקֶת. לָאמִיר נָאר זוּכְן ווִי מִיר קֶענֶען בְּרֶענְגֶען נָאךְ אַ אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ אַ פָּארְפָּאלְק זָאלְן ווִיסְן אַז זֵיי קֶענֶען לֶעבְן דָא בָּזֶה הָעוֹלָם אִין גַּן עֵדֶן.

גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת; אַלֶעס גֵייט גְרִינְגֶער וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "דֶערְפַּאר וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינְט צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ - שְׁמוּעֶס אִיךְ אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער גֵייט מִיר אַלֶעס אַזוֹי מִיט אַ יִשּׁוּב הַדַּעַת".

דִי וָואךְ זֶעעֶן מִיר אִין דִי פַּרְשָׁה ווִי אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם הָאט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען בַּיים בְּרוּנֶעם עֶר זָאל טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ פַּאר יִצְחָק, עֶר הָאט פּוּנְקְטְלִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי סִימָנִים ווִי אַזוֹי עֶר וֶועט זֶען אוֹיבּ דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע, דָאךְ זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (תַּעֲנִית ד.) אַז עֶר הָאט נִישְׁט גוּט גֶעבֶּעטְן, "שְׁלֹשָׁה שֶׁאֲלוּ שֶׁלֹּא כַּהֹגֶן [...] אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם", עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן שֶׁלֹּא כַּהֹגֶן, עֶר וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת; "יָכוֹל אֲפִילוּ חִגֶּרֶת, אֲפִילוּ סוּמָא", וָואס וָואלְט עֶר גֶעטוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ הוּנְקֶעדִיגֶע מֵיידְל, אַ בְּלִינְדֶע מֵיידְל? זָאגְט מוֹהֲרָא"ש מֶען זֶעט פוּן דֶעם וָואס הֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת, אֲפִילוּ דֶער וָואס שְׁמוּעֶסְט שׁוֹין יָא מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַארְף ווִיסְן אַז מֶען דַארְף אַלֶעס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן, אַלֶעס אוֹיסְרֶעדְן, מַמָּשׁ כְּיְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ.

וֶוען אִיךְ וֶועל קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועל אִיךְ בְּלִי נֶדֶר קוּמֶען אַרַיינְשְׁטֶעקְן מַיין קָאפּ בַּיי עֶנְקֶער חֲבוּרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע

עִנְיָנִים.

...

### עֶס בְּלַייבְּט נָאר וָואס מֶען טוּט פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר׳ן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד מִיט׳ן טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער צוּ חֵדֶר אוּן צוּ סְקוּל.

עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי לֶעבְּן, וָואס בְּלַייבְּט? וָואס נֶעמְט מֶען מִיט? דָאס בִּיסְל וָואס מֶען טוּט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דָאס וֶועט בְּלַייבְּן מִיט אוּנְז.

...

### זֶע אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף דִי וֶוען, אוֹיפְ׳ן רֶבִּינְ׳ס גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר׳ן הֶעלְפְן דְרַייוְון דִי קִינְדֶער פוּן בָּארָא פַּארְק צוּ חֵדֶר אִין צוּ סְקוּל.

זֶע אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף דִי וֶוען, אוֹיפְ׳ן רֶבִּינְ׳ס גֶעלְט, אוּן אַז דוּ זֶעסְט זַאכְן וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן - זָאלְסְטוּ מִיר זָאגְן, אִיךְ דַארְף וִויסְן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען בֶּעסֶער מַאכְן.

דֶער רֶבִּי בְּלַייבְּט נִישְׁט שׁוּלְדִיג, דֶער רֶבִּי בַּאצָאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

## בַּאדִינֶען דֶעם צַדִיק אוֹיף דִי וֶועלְט, און אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט, דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הֶעלְפְן דֶעם צַדִיק דָא בָּזֶה הָעוֹלָם וֶועלְן הָאבְּן דִי זְכִיָ׳ אוֹיבְן אִין הִימְל צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם צַדִיק.

כַּאפּ אַרַיין דָאס בִּיסְל צַייט וָואס דוּ בִּיסְט אִין יְשִׁיבָה צוּ הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה, חֵדֶר, בֵּית פֵּיגָא, חֲתוּנוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳; בַּאלְד הָאסְטוּ חֲתוּנָה - וֶועסְטוּ וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט דַיינֶע זַאכְן.

שְׁטַארְק זִיךְ, נָאךְ אַבִּיסְל בִּיסְטוּ אַ חָתָן.

...

## עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ בּוֹיעֶן אַ מִקְוֶה טָהֳרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי סְכוּם פוּן $25,000 פַאר דִי מִקְוֶה טָהֳרָה וָואס מִיר בּוֹיעֶן יֶעצְט אִין שְׁטֶעטְל, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ בּוֹיעֶן אַ מִקְוֶה טָהֳרָה.

בִּיז יֶעצְט דַארְפְן דִי מִשְׁפָּחוֹת אַוֶועק פָארְן צוּ אַ מִקְוֶה, מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶוען דִי מִקְוֶה וֶועט פֶערְטִיג וֶוערְן וֶועט זַיין אַסַאךְ גְרִינְגֶער פַאר אַלֶעמֶען.

בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה זָאלְסְטוּ גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט בְּרָכָה

וְהַצְלָחָה און נַחַת פון די קִינְדֶער.

שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע שִׁיעוּרִים, וויפִיל דו לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג און דַיינֶע סִיוּמִים - וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶ' זַיין; יֶעדֶעס מָאל אִיךְ הֶער אַ סִיוּם בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - גֶעבְּט דָאס מִיר כֹּחַ.

...

## מִיר גֵייעֶן יֶעדְן טָאג עֶפֶּעס טוּן פַאר'ן רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

פָאר גֶעזוּנְטֶערְהֵייט און זָאלְסְט צוּרִיק קוּמֶען גֶעזוּנְטֶערְהֵייט. אִיךְ ווִיל מִיט דִיר שִׁיקְן אַ מַתָּנָה פַאר דֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר, ...'ס זוּן. אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר מִשְׁפַּחַת ..., זֵיי הָאבְּן גֶעעֶפְנְט בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם, אוֹיךְ בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ דְרוּקְט מֶען דִי גִּלְיוֹנוֹת און דִי נַייעֶ סְפָרִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִישׁ אֱמוּנוֹת, וָואס אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מַמָּשׁ לֶעבְּן פון דֶעם.

אוֹיךְ שִׁיק אִיךְ דִיר אַ זִילְבֶּערְנֶע ה, גֶעבּ דָאס פַאר ..., אוֹיךְ גֶעבּ אִים דִי בְּרִיוו. עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער מֵפִיץ, עֶר רוּט נִישְׁט, עֶר אִיז אַ פְלַאם פֵייעֶר, עֶר שְׁטֵייט אוּנְטֶער דִי אַלֶע פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים.

לָאז גְרוּסְן אַלֶע חֲבֵרִים, דֶערְצֵייל זֵיי וָואס דָא טוּט זִיךְ; דֶערְצֵייל זֵיי ווִי פַארְנוּמֶען אִיךְ בִּין, זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ מָאל חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אַז אִיךְ עֶנְטְפֶער נִישְׁט זֵייעֶרֶע בְּרִיוו, בִּפְרַט דִי חֲבוּרוֹת בֶּעטְן יֶעדֶע וָואךְ אַ בְּרִיוו, אוֹיךְ דִי שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם בֶּעטְן יֶעדֶע וָואךְ אַ בְּרִיוו און אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן אַלְץ זֵיי צוּ שְׁרַייבְּן, דֶערְצֵייל זֵיי וָואס לִיגְט אוֹיף מִיר, זֵיי זָאלְן מִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בֶּענְקֶל, ווִי דֶער רֶבִּי הָאט הַנָּאָה גֶעהַאט אַז דֶער שׁוֹחֵט

הָאט גֶעטְרַאכְט יֶעדְן טָאג פוּן רֶבִּי'ן, אַ הַאלְבֶּע יָאר אִין אֵיין צִי.

דִי מְלַמְדִים און טִיטְשֶׁערְס נֶעמֶען דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער און לֵיינֶען דָאס מִיט דִי קִינְדֶער, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער דִי זַאךְ פוּן טוּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אוֹיךְ דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן אַרוֹיסְנֶעמֶען אַן הִתְעוֹרְרוּת, זֵיי וֶועלְן אָנְהֵייבְּן טוּן עֶפֶּעס פַארְ'ן רֶבִּי'ן יֶעדְן טָאג.

דָא הָאסְטוּ דִי מַעֲשֶׂה:

וֶוער הָאט הַיינְט גֶעטְרַאכְט פוּן רֶבִּי'ן? וֶוער הָאט הַיינְט עֶפֶּעס גֶעטוּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן?

אַלֶע קִינְדֶער וואוּנְדֶערְן זִיךְ: 'וָואס דַארְף מֶען טְרַאכְטְן פוּן רֶבִּי'ן? וָואס דַארְף מֶען טוּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן?' דִי קִינְדֶער וֵוייסְן שׁוֹין, יֶעצְט גֵייט מֶען דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי'ן.

קִינְדֶער אִיר זֶענְט גְרֵייט?!

קִינְדֶער, קוּקְט וָואס דֶער שׁוֹחֵט פוּן טֶעפְּלִיק שְׁלֶעפְּט, עֶר שְׁלֶעפְּט אַ גְרוֹיסֶע בֶּענְקְל, אַזַא שֵׁיינֶע בֶּענְקְל! קוּק דִי שֵׁיינֶע בְּלוּמֶעלֶעךְ, דִי צְוֵויי לֵייבְּן בַּיי דִי הֶענְטְלֶעךְ, דָאס אִיז דָאךְ עֶפֶּעס הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אוֹיסְנַאם שֵׁיין; דָאס אִיז הַאנְט אַרְבֶּעט! אֵיין שְׁטִיק וואוּנְדֶער! אַלֶע בַּאוואוּנְדֶערְן דֶעם בֶּענְקְל, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג אָפְּזֶעטִיגְן פוּן קוּקְן אוֹיף דֶעם בֶּענְקְל, "מַאכְט פְּלַאץ!" שְׁרֵייעֶן אַלֶע, עֶר וִויל אַרַיינְגֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעמַאכְט דֶעם בֶּענְקְל פַארְ'ן רֶבִּי'ן.

דֶער אִיד עֶפְנְט אוֹיף דִי טִיר, עֶר שְׁטֵייט שׁוֹין בַּיים רֶבִּינְ'ס שְׁטוּבּ, עֶר זָאגְט: "רֶבִּי, אִיךְ הָאבּ גֶעבְּרֶענְגְט אַ מַתָּנָה, אַ בֶּענְקְל! אִיךְ הָאבּ דָאס אַלֵיינְס גֶעמַאכְט, אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט מִיט מַיינֶע הֶענְט!" דֶער רֶבִּי בַּאטְרַאכְט דֶעם בֶּענְקְל און פְרֶעגְט: "זָאגְט מִיר, וִוי לַאנְג הָאט אַייךְ גֶענוּמֶען צוּ מַאכְן דֶעם שֵׁיינֶעם בֶּענְקְל?" דֶער אִיד עֶנְטְפֶערְט: "רֶבִּי, דֶער בֶּענְקְל הָאט מִיר גֶענוּמֶען צוּ מַאכְן אַ הַאלְבֶּע יָאר", "אַ הַאלְבֶּע יָאר?" - פְרֶעגְט דֶער רֶבִּי, "דָאס הָאסְטוּ גֶעמַאכְט אַ גַאנְצְן טָאג פַאר אַ הַאלְבֶּע יָאר אִין אֵיין צִי?" זָאגְט דֶער אִיד: "נֵיין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט

גֶעאַרְבֶּעט אַ גַאנְצְן טָאג אוֹיף דֶעם, אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעאַרְבֶּעט אֵיין שָׁעָה צוּ בּוֹיעֶן דֶעם בֶּענְקְל פַאר אַ הַאלְבֶּע יָאר", רוּפְט זִיךְ אָן דֶער רֶבִּי: "אַזוֹי? דוּ הָאסְט גֶעטְרַאכְט פוּן מִיר יֶעדְן טָאג אַ שָׁעָה, אַ הַאלְבֶּע יָאר אִין אֵיין צִי?" דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט.

קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט פוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט הַנָאָה גֶעהַאט? פוּן דִי שֵׁיינֶע בֶּענְקְל אָדֶער פוּן דֶעם אַז דֶער אִיד הָאט יֶעדְן טָאג גֶעטְרַאכְט פוּן רֶבִּי'ן פַאר אַ שָׁעָה? טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אוּנְז אַז דֶער רֶבִּי הָאט מֶער הַנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם אַז דֶער אִיד הָאט גֶעטְרַאכְט יֶעדְן טָאג פוּן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט יֶעדְן טָאג עֶפֶּעס גֶעטוּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן - וִוי פוּנֶעם בֶּענְקְל אַלֵיינְס... דֶער בֶּענְקְל אִיז טַאקֶע זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע בֶּענְקְל, אִיר אַלֶע הָאט שׁוֹין גֶעזֶען דֶעם בֶּענְקְל, עֶס לִיגְט אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, מֶען מַאכְט דֶערוֹיף בְּרִיתְ'ן, מֶען נוּצְט דָאס פַאר דִי כִּסֵא שֶׁל אֵלִיָהוּ; אָבֶער דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אַ צַדִיק, טְרַאכְט פוּן צַדִיק אוּן טוּט עֶפֶּעס יֶעדְן טָאג פַארְ'ן צַדִיק - דָאס אִיז נָאךְ מֶער חָשׁוּב בַּיים רֶבִּי'ן.

קִינְדֶער, מִיר גֵייעֶן יֶעדְן טָאג עֶפֶּעס טוּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן; דִי אִינְגְלֶעךְ וֶועלְן רֵיין מַאכְן דִי חֵדֶר, דִי מֵיידְלֶעךְ וֶועלְן רֵיין מַאכְן אִין סְקוּל, אַלֶע וֶועלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הַאלְטְן רֵיין דִי בָּאס, מִיר וֶועלְן הֶעלְפְן אַוֶועק פַּאקְן דִי סְפָרִים אִין שׁוּל; וַוייל אַלֶעס וָואס מֶען טוּט אִין שׁוּל, חֵדֶר אוּן סְקוּל - אִיז הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי קוּקְט פוּן גַן עֵדֶן אוּן זֶעט וִוי מִיר טוּעֶן פַאר אִים, וִוי מִיר טְרַאכְטְן פוּן אִים, וִוי מִיר זֶענֶען אִים מְשַׁמֵשׁ; 'מְשַׁמֵשׁ' מֵיינְט 'מִיר בַּאדִינֶען אִים'; דֶער רֶבִּי שְׁמֵייכְלְט צוּ אוּנְז, עֶר הָאט לִיבּ וֶוען מֶען אִיז צוּגֶעבִּינְדְן צוּ אִים.

אַלֶע קִינְדֶער, לָאמִיר זִינְגֶען: "אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָכִינוּ לְ'שַׁמֵשׁ' אֶת רַבֵּינוּ, אַשְׁרֵינוּ! אַשְׁרֵינוּ!"

מַאךְ אַ בִּילְד וִוי אַ אִיד הַאלְט אַ בֶּענְקְל אִין דֶער הֵייעֶךְ, עֶר זָאל נָאךְ מָאלְן דֶעם בֶּענְקְל וָואס מִיר הָאבְּן אִין שׁוּל, דֶעם רֶבִּינְ'ס בֶּענְקְל; אוּן פוּן

דֶער זַייט שְׁטֵייעֶן מֶענְטְשְׁן און בַּאוואוּנְדֶערְן זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# עֵצָתוֹ אֱמוּנָה

פֵּאֵר קִינְדֶער

## בַּיים סוֹף בְּלַייבְּן אִיבֶּער דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים

"פָּאלִיצֵיי, פָּאלִיצֵיי!!!" שְׁרֵייעֶן אַלֶע, "רוּפְט שׁוֹין דִי פָּאלִיצֵיי!"

גֶעוֶוען אִיז דָאס אִין דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן זֵייעֶר קִינְד, אוֹיפְ'ן וֶועג זֶעעֶן דִי תַּלְמִידִים פוּן דֶערְוַוייטְנְס אַז עֶפֶּעס טוּט זִיךְ, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעוְוּיסְט פוּן פָארְאוֹיס אַז דִי מִתְנַגְּדִים, דִי שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן - ווִילְן טוּן שְׁלֶעכְטְס פַאר דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי נָתָן, הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם וָואגְן אוּן גֶעגַאנְגֶען קוּקְן וָואס דָארְט טוּט זִיךְ.

דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען אַהִין גֶעגַאנְגֶען קוּקְן אוּן זֵיי זֶעעֶן זֵייעֶר אַ שְׁרֶעקְעדִיגֶע זַאךְ, עֶס שְׁטֵייעֶן מֶענְטְשְׁן מִיט שְׁטֶעקְענֶעס אוּן וַוארְטְן אָפּ רֶבִּי נָתָן, זֵיי ווִילְן חַס וְשָׁלוֹם שְׁלָאגְן רֶבִּי נָתָן, זֵיי לוֹיפְן שְׁנֶעל צוּרִיק, זֵיי זָאגְן פַאר רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל זִיךְ בַּאהַאלְטְן, רֶבִּי נָתָן אִיז אַרָאפּ פוּן וָואגְן אוּן אַרַיינְגֶעלָאפְן אִין וַואלְד זִיךְ בַּאהַאלְטְן.

"פָּאלִיצֵיי, פָּאלִיצֵיי!!!" שְׁרֵייעֶן אַלֶע, "רוּפְט שׁוֹין דִי

פָּאלִיצֵיי!" דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן גֶערוּפְן דִי מְחוּתָּנִים, מֶען הָאט גֶערוּפְן פָּאלִיצֵיי זֵיי זָאלְן אַוֶועק נֶעמֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס ווִילְן טוּן שְׁלֶעכְטְס פַּאר רֶבִּי נָתָן.

מֶען קוּמְט צוּרִיק זוּכְן רֶבִּי נָתָן, מֶען ווִיל אִים זָאגְן אַז אַלֶעס אִיז שׁוֹין גוּט, עֶר קֶען שׁוֹין אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן וַואלְד ווַייטֶער פָארְן צוּ דִי חֲתוּנָה; 'וואוּ אִיז רֶבִּי נָתָן?' וואוּנְדֶערְן זִיךְ אַלֶע, 'וָואס טוּט יֶעצְט רֶבִּי נָתָן?'

קִינְדֶער אִיר קֶענְט טְרַאכְטְן וואוּ רֶבִּי נָתָן אִיז יֶעצְט? אִיר קֶענְט צוּטְרֶעפְן וָואס רֶבִּי נָתָן טוּט יֶעצְט? רֶבִּי נָתָן אִיז בַּאהַאלְטְן אִין וַואלְד, עֶר אִיז יֶעצְט אִינְמִיטְן "הִתְבּוֹדְדוּת"; עֶר זִינְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן מַיין קִינְד".



"אוּנְזֶער גְרוֹיסְקֵייט אוּן אוּנְזֶער שֵׁיינְקֵייט וֶועט מֶען זֶען וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען"

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן רֶבִּי נָתָן ווִי עֶר זִינְגְט אִין וַואלְד אַ שֵׁיינֶע נִיגוּן, עֶס הָאט דָאךְ אַלֶע טַעֲמִים; לָאמִיר מִיט זִינְגֶען דֶעם זִיסְן נִיגוּן וָואס רֶבִּי נָתָן זִינְגְט: "אוּנְזֶער גְרוֹיסְקֵייט אוּן אוּנְזֶער שֵׁיינְקֵייט וֶועט מֶען זֶען וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען", מֶען הֶערְט ווִי רֶבִּי נָתָן זָאגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּטְ'עֶר בַּעַל עֲגָלָה וֶוען עֶר גֵייט צוּ זַיין קִינְדְ'ס חֲתוּנָה קוּמְט אִים נִישְׁט אַזַא קַבָּלַת פָּנִים, מֶען זָאל אִים אָפְּוַוארְטְן מִיט שְׁטֶעקֶענֶעס,

פַארְוָואס קוּמְט מִיר אַזַא קַבָּלַת פָּנִים? עֶס מוּז זַיין וַוייל אִיךְ פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת און דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם קֶען דָאס נִישְׁט לַיידְן״.

קִינְדֶער, וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פוּן דִי אַלֶע מִתְנַגְדִים? וואו זֶענֶען זֵיי? ווִי אַזוֹי הֵייסְן זֵיי? וֶוער וֵוייסְט פוּן זֵיי? גָארְנִישְׁט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט זֵייעֶרֶע נֶעמֶען, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וואו זֵיי זֶענֶען, וואו זֵייעֶרֶע בֵּיינֶער לִיגְן בַּאגְרָאבְּן; קִינְדֶער, וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פוּן רֶבִּי נָתָן? הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ מְחַיֶה, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לֶעבְּט פוּן דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי נָתָן.

בִּשְׁעַת אַ צַדִיק לֶעבְּט זֶעט אוֹיס ווִי עֶר הָאט גָארְנִישְׁט, ווִי עֶר אִיז דֶער חוֹזֶק; מֶען רוֹדְפְ׳ט אִים, מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים לָשׁוֹן הָרָע, עֶר אִיז אַ חוֹזֶק, און דִי רְשָׁעִים זֵיי זֶעעֶן אוֹיס רַייךְ, גְרוֹיס און מֶעכְטִיג, אָבֶּער בַּיים סוֹף זֶעט מֶען אַז עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער נָאר דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים.

# א רוף צו אנשי שלומינו איבערצוקוקן די אוצרות

מיט יעדן דורכגייענדן טאג, קומען ארויס פילע פרישע קונטרסים און ספרים וואס מען דרוקט פריש איבער פון אנפאנג, סיי די אותיות, סיי מיט הגה, און אויך מיט א הערליכע פרישע דעקל וואס ציעט מען זאל עס נעמען.

אין לויף פון די ארבעט אין קרן הדפסה נאכדעם וואס מען האט שוין זוכה געווען אז הונדערטער קונטרסים זענען געדרוקט געווארן, האט מען שוין געהאט פילע פעלער ווען נאכדעם וואס דער קרן הדפסה האט ארויסגעגעבן לאור עולם א פרישע קונטרס אדער ספר, איז אפיר געקומען איינער וואס האט געזאגט אז ער האט ביי זיך די גאנצע ספר אין א טעקסט פארמאט וואס מען וואלט געקענט נוצן איבערצודרוקן דעם ספר, אסאך שנעלער און ביליגער.

דערפאר איז דער קרן הדפסה ארויסגעקומען אין א רוף צו אנשי שלומינו: "אל תמנע טוב מבעליו!", געבט ארויס אייער אוצרות! טייערע ידידים, איר האט ביי זיך אין באזיץ פיילס פון ספרים אדער קונטרסים פון מוהרא"ש, וואס מען קען דערמיט באלייכטן די וועלט? איר קענט פארשפארן פיל צייט פון דארפן פריש איבערטייפן דעם גאנצן קונטרס! אויף וועמען ווארט איר? פארבינדט אייך שוין צום קרן הדפסה דורכן שיקן אן אימעיל צו office@kerenhadfusa.org.

אין אנדערע נייעס זענען במשך די לעצטע וואך זענען ארויסגעקומען נאך פילע ספרים און קונטרסים ביים קרן הדפסה, צווישן זיי: ברכת הפרנסה, האלט זיך שטארק, סדר דרך הלימוד, רק רגע, יסוד האמונה, הצלחה לתמיד צעיר, אידישקייט איז שיין, תן חיוך, און נאך פיל.

**כי מן הבאר ההוא ישקו העדרים!**